STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02246

IN YENE YORN

Solomon Damesek

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין יצנע יאָרן

פאַרצייכענונגען און בילדער
פון מיין היים-שטאָט ניעסוויזש

פון

שלמה דמשק

אַרויסגעגעבן פון תלמידים און פריינט

ניו-יאָרק תשי"א

Copyright, 1950, *by*
SOLOMON DAMESEK
New York, N. Y.

PRINTED IN THE U.S.A. BY
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.
Tel. GRamercy 5-3637

דעם ליכטיקן אָנדענק פון די
קדושים פון ניעסוויזש, הי"ד,
און צו דער שארית הפליטה,
וואָס איז געקומען צום זיכערן
ברעג פון מדינת ישראל, איז
דאָס דאָזיקע בוך געווידמעט.

אינהאַלט:

מיכאלישאַק 9
אַ שריפה 16
די צוויי קוזניעס 22
די מיטלסטע חורבה 18
תשעה־באב נאַכט 25
„האַלבע“ 30
די קאַלטע שול 40
דער „קול יעקב“ 49
צווישן „שלאָס“ און שטעטל 63
די בונדיסטן פאַרזאַמלען זיך אין אַלטן בית־מדרש . . . 69
די אַגראַדניקעס קומען אַהיים 75
נח־מענדל דער אַגראַדניק 77
ניאָמע איטשע־דוד׳ס און אברהם יאָשע פאַלק׳ס 80
דער רב ר׳ יהושע׳לע 84
דער פּרוש 88
ר׳ קלמן 94
די צוויי גבאי׳טעס 100
שלמה, דעם פעטער ר׳ חיים־לייזער׳ס איידים 109
מרדכי־דוד דער שוסטער 119
נייע לידער 138
פון די ערשטע חלוצים 146
עטלעכע בלעטער פון מיין טאַטנס לעבן
א. אין די געצעלטן פון תורה 151
ב. דעם טאַטנס ערשטער „חדר“ 153
ג. אַריינגענומען אין „צער“ 155

אין יענע יאָרן

פאַרצייכענונגען און בילדער

מיכאַלישאָק

די מיכאַלישקער גאַס אין אונדזער שטעטל ניעסוויזש, וואו דעם טאַטנס הויז איז געשטאַנען, איז געווען איבערגעשניטן אין צוויי העלפטן דורך נישט קיין גרויסער קאַנאַווע, אָדער „ראַוו״, ווי מיר פלעגן עס געוויינטלעך רופן. איבערן צענטער פון דער קאַנאַווע, וואָס האָט אין איר פלייציקן וואַסער אָוועקגעטראָגן דעם שמוץ און אָפּפאַל פון שטעטל, האָט זיך געפונען אַן אַלטער, טרייסלענדיקער, קליינער בריקל. צוליב אָט דעם צעפּאָרענעם בריקל, האָבן עס די צוויי טיילן פון גאַס געהייסן: „מיכאַלישאָק פון פאַרן בריק״ און „מי־כאַלישאָק פון נאָכן בריק״.

עס איז אונדזער גאַס מיכאַלישאָק ניט בייגעשטאַנען דער זכות פון הייליקן מיכאַל, נאָך ווען די פּאַרצייטיקע קאַטאָליקן פון שטעטל האָבן איר אַ נאָמען געגעבן. אויך ניט דער זכות פון עט־לעכע מיוחס׳דיקע אידישע פאַמיליעס, צווישן זיי פיינע לומדים, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. אין מיינע אינגלשע יאָרן האָט מיכאַלישאָק, און די געסלעך וואָס האָבן זיך אָפּגעצווייגט פון איר, ניט געהאַט קיין גוטן נאָמען, איבערהויפּט צוליב די צוויי „הייזלעך״ — די „בורדאַקעס״, וואָס האָבן זיך געפונען אויף מיכאַלישאָק, אָבער אויך צוליב די ווייסע חברה׳ניקעס, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט. די מיכאַלישקער „זשוליקעס״ זענען געווען אַ שם־דבר אין שטעטל. אַ שפּאָר ביסל פאַרשוואַרצט דעם נאָמען האָט אויך די מיכאַלישקער בלאָטע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ ביישפּיל אין די מיילער פון אַלע איינוואוינער אין שטעטל.

ווען מ׳האָט אויסגעברוקירט די הויפּט גאַסן פון ניעסוויזש, האָבן די שטאָט־טאַטעס איגנאָרירט פאַרגעסן אין מיכאַלישאָק. די מערסטע איינוואוינער פון דער געגנט זענען געווען גרויסע אביונים,

צווישן זיי אַ סך אָרעמע בעלי־מלאכות, — טאָ וואָס פאַראַ ווערט, מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן זיי, אַז מען זאָל וועגן זייער גאַס אויך אַ טראַכט טאָן ?... איז טאַקע מיכאַלישאָק געבליבן שטעקן אין אַ געדיכטער בלאָטע נאָך היפּשע עטלעכע יאָר.

אין די רעגנדיקע חשון־טעג, אָדער סוף־ווינטער, ווען אייז און שניי האָבן זיך גענומען שמעלצן, איז די מיכאַלישקער בלאָטע אָנגעקוואָלן געוואָרן און געוואַקסן ווי אויף הייוון. זי האָט דער־מאָלסט פאַרפלייצט און פאַרדעקט די הילצערנע טראָטואַרן, וואָס האָבן זיך געפונען ביים זייט פון גאַס. דאַן האָט מען אויף מיכאַלי־שאָק „זיך געטרונקען ביזן האַלדז אין בלאָטע״.

די רעדער פון די פויערשע פורלעך האָבן זיך קוים מיט צרות געדרייט אויף די שווער־פאַרבלאָטיקטע אַקסן, און געהאַלטן אין איין כריפּען און סקריפּען.

גרויס צער האָבן נעבעך געהאַט דאַן די עטלעכע אידל־געצער־טלטע בעלי־בתים פון מיכאַלישאָק. זיי פלעגן האַלטן צונויפגענומען די פאָלעס פון די בגדים אין זייערע הענט, זענען געווען שטאַרק פאַרזיכטיק, טרעטנדיק אין דער בלאָטע, און געגאַנגען טראָט ביי טראָט. נאָר ביז זיי האָבן באַוויזן אַרויסצונעמען איין פוס, איז שוין די צווייטע געווען פאַרזונקען אין דער טייגיקער בלאָטע. ניט איינער האָט פון גרויס פאַרזיכטיקייט זיך אויסגעגליטשט, און זיך אויס־געצויגן בכבוד גדול, אין פולן גרויס, אין דער בלאָטיקער געדיכ־טעניש. אַזאַ מין פאַל פלעגט באַגלייט ווערן מיט אַן אויסברוך פון הילכיקן געלעכטער און אויסגעשריי „באַץ !״, וואָס די מיכאַלישקער זשוליקעס האָבן לוסטיק אונטערגעטראָגן דעם געפאַלענעם.

די ניט־פאַראיידלטע איינוואוינער, סיי די מאַנסביל, סיי די ווייבער, האָבן אָנגעטאָן הויכע שטיוול און געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע מיט אַ זעלבסט־זיכערקייט. און ווייל זיי זענען געווען אַזוי געוואָגט, זענען זיי באַצירט געוואָרן מיט בלאָטיקע צויטן אַרום די

ברעגן פון די מאַנטלען און זוימען פון די קליידער, און האָבן זוכה געווען צום ערן־נאָמען: „שליומפער".

אָט די בלאָטע האָט עס מיט יאָרן־יאָרן צוריק אויך געבראַכט צו דעם, אַז די מיכאַלישקער שול זאָל אויפגעבויט ווערן. דאָס האָב איך געלייענט אין שול־פּנקס, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן ביי מיין פעטער, דעם שוחט, ר' חיים־לייזער שאַפּיראָ:

„...און מיר האָבן איינגעזען אַז מיר מוזן אויפבויען אַ שול אויף מיכאַלישאָק, מחמת דעם וואָס אין די רעגנטעג ווערט די גאַס אינגאַנצן פאַרזונקען אין דער געדיכטער בלאָטע, און ס'איז שווער צו גיין אַ וויטן מהלך. האַלטן זיך די אידן פון מיכאַלישאָק אַ סך מאָל אָפּ פון צוגיין אין די שטאָט־שולן, און זיי דאַווענען ניט בציבור"...

* * *

נאָר אויב מיכאַלישאָק איז געווען פּאַבלאָטיקט און מיאוס אין די רעגנטעג, איז זי דערפאַר געווען שיין און באַ'חנט אין די חדשים פון פרילינג, פון זומער און ווינטער.

איבערהויפּט איז עס אַזוי געווען אויף „מיכאַלישאָק פון נאָכן בריק", וואו אונדזער הויז איז געשטאַנען. אָט די האַלבע גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ מין פאַרשטעטל פאַר זיך אַליין, ווי די אַנדערע צוויי פאַרשטעט פון ניעסוויזש: „ביישטאָט" און „קאַזימער".

אויף „מיכאַלישאָק פון נאָכן בריק" איז ניט געווען קיין ענג־שאַפט און שטיקעניש ווי אויף „מיכאַלישאָק פון פאַרן בריק", וואו איין שטיבל איז דאָרט געווען אַרויפגעבויט אויפן צווייטן, און ס'איז געווען אַ טיר אויף אַ טיר. יעדע אידענע האָט דאָרט געוואוסט וואָס עס קאָכט זיך ביי דער שכנה אין טעפּל.

בלויז אַ פּופצן הייזער האָבן זיך געפונען אין דער לאַנגער האַלבער גאַס פון „מיכאַלישאָק פון נאָכן בריק". זי האָט געדינט

ווי אַ דורכגאַנג און שפּאַציר־פּלאַץ צום אויסערן תחום פון שטעטל, צו די פעלדער און וועלדער.

לעבן יעדן הויז האָט זיך געפונען אַ גרויסער אָדער קלענער גאָרטן. אייניקע פון די מיכאַלישקער איינוואוינער האָבן זייער חיונה געצויגן פון זייערע גערטנער. אפילו בעלי־בתים, וואָס זענען געווען בעלי־מלאכות אָדער קרעמער, אָדער געהאַט אַנדערע מיני־פרנסות, האָבן אויך באַקומען אַ היפּשן איינקונפט פון די גערטנער.

ווי נאָר די פרילינג־ווינטלעך האָבן אָנגעהויבן בלאָזן, האָט זיך דער עולם באַלד גענומען צו דער אַרבעט אין די גערטנער.

צו מיסטיקן און צו אַקערן דעם גאָרטן האָבן די אידן פון מי־כאַלישאַק געמוזט אָנקומען צו באַקאַנטע גוים פון די דערבייאיקע דערפער, אָבער דאָס גאַנצע „איינטאָן דעם גאָרטן", איז מערסטנס דורכגעפירט געוואָרן פון די ווייבער און קינדער, און אַ ביסל אויך פון די מאַנסביל אין די פאַרטאָגן אָדער פאַרנאַכטן.

די קינדער, — אבי מ'האָט זיי נאָר געלאָזט, — פלעגן זיך אָפּגעבן מיט דער אַרבעט אין גאָרטן מיט גרויס צופרידנקייט און שטאַרקער הנאה.

פאַר זייער אַרבעט זענען זיי באַלוינט געוואָרן, ווען די גרינסן האָבן אָנגעהויבן צייטיקן. די קינדער האָבן פון די מאַמעס באַקומען די זיס־ביטערלעכע גרינע ציבעלע־פעדערן און סטיבונעס, גריניקע אוגערקעלעך מיט העל־געלע ליכט פלעקן אָנגעגאָסן מיט געשמאַקן זאַפט, יונגע זיסינקע מערעלעך און אַלערליי באָב און אַרבעס סטרו־טשעס, וואָס די קליינוואַרג האָבן אויפגענאַשט רויערהייט. דערצו זיינען די פרישע בוריקלעך און נייע קאַרטאָפעלעך אַזוי באַ'טעמ'ט געווען אין די וואַרמעסן און וועטשערעס פון די זומער־טעג.

אַ טייל פון די גרינסן, — די זויערע קרויט און געשטעלטע אור־גערקעס, — האָבן די קינדערשע הערצעלעך דערקוויקט אויך אין די קאַלטע, זאַווערוכעדיקע ווינטער־טעג.

עס האָבן זיך צווישן די מיכאַלישקער תושבים געפונען אויך „עסטעטן“. די האָבן פאַרפלאַנצט אויך בלומען אַרום די הייזער. גאָר באַזונדער האָבן די רויזן מיט זייערע זונען־קרויגען, און די מאָן־בלומען מיט זייערע ווייסע און רויט־פלאַמיקע קאָלירן, באַשיינט די מיכאַלישקער גאַס.

* * *

עס איז געווען אויף מיכאַלישאַק מיט וואָס צו זעטיקן דאָס אויג און צו שפּייזן די פאַנטאַזיע.

אָט זע איך מיך שטייענדיק אין אַ זומער־טאָג לעבן אונדזער הויז, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן.

אין מזרח־זייט שפּרייט זיך רחבות׳דיק מרדכי אליה־הערצל׳ס גרויסער גאָרטן, איינגעטונקען אין גרינס פון כלערליי שאַטירונגען.

ווייטער, העכער, אויפן באַרג, שטייט מרדכי־לייזער דעם שניי־דערס שטיבל, און אויסגעצויגן אויפן באַרג גרינט זיין גאָרטן.

אין מיינע ערשטע קינדער־יאָרן האָט זיך צופוסנס פון אָט דעם באַרג געפונען אַ טייכל, וואָס מיר האָבן גערופן „די קליינע אָזערע“. צום טייכל פלעגן די מיכאַלישקער ווייבער גיין וואַשן גרעט. די קליינוואַרג האָבן זיך דאָרט געבאָדן, אַרומגעפּליושקעט און אַרומגע־שפּילט זיך אין די שמעקעדיקע האַייר.

ווינטער־צייט פלעגן מיר מיט פרייד און מיט צעפלאַמטע באַקן לויפן אַהין זיך גליטשן.

האָט אָבער מרדכי־לייזער דער שניידער זיך פאַרלייגט אויפן טייכל. האָט געהאַלטן אין איין גראָבן זיין באַרג און שיטן די ערד אין טייכל אַריין. פון חודש צו חודש און פון יאָר צו יאָר, איז דאָס טייכל אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן, ביז ס׳איז פון אים גאָרניט גע־בליבן.

און איין שיינעם פרילינג־טאָג, האָבן מרדכי־לייזער דער שניי־דער מיט זיינע שכנים אַרומגעצאַמט דעם שטח פון דעם געוועזענעם

טײכל מיט אַ צאַם, פֿאַרוואַנדלט עס אין גערטלעך, און אויס מיט דער „קלײנער אַזערע“.

װײַטער אַרויף צום מזרח, זע איך די הויכע בוימער פֿון סעמי־נאַריסטן־גאָרטן.

באַגינען, נאָכדעם ווי דער פֿרימאָרגן שפּרייט אויס זײַנע פּורפּור־טעפּיכער איבער די שפּיצן פֿון די ביימער, ברעכט דורך די זון דורך פֿענצטערלעך צווישן זייערע צווײַגן, זאָגט: גוט מאָרגן! פֿאַרשווינדט באַלד פֿאַר געציילטע מינוטן און שווימט צוריק אַרויס פֿון אונטער דער חופּה פֿון די שפּיצן ביימער אין איר פֿולן גלאַנץ און קײַלעכיקער פּראַכט.

אויך אין דרום־זײַט שפּרייטן זיך ווײַט די גערטנער.

קיין שום צאַם טיילט ניט אָפּ איין גאָרטן פֿון דעם צווייטן. בלויז מעזשעס, באַוואַקסענע מיט גרינעם גראָז, באַצייכענען די גרעניצן. קיין זאַך שטערט ניט דאָס אויג צו זען און באַאָבאַכטן.

אַ ים פֿון גרינסן שפּרייט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט.

און נאָך אים אַ צווייטער גאָלדיק־גרינער ים פֿון זאַנגען.

פֿון ווײַטן זעען זיך אויך בוימער און די ריזיקע פֿליגלען פֿון ווינט־מיל, און עס ווינקט און רופֿט דער געלער זאַמד־וועג, וואָס פֿירט קיין „האַלבע“, דעם פֿירשט ראַדזיווילס פֿולוואַרק, וואו עס צויבערן די וועלדער, פֿעלדער און סאַזשעלקעס.

אַן אָנזאָג פֿון פֿריידיקער רחבות טראָגט זיך פֿון דרום.

אין מערב־זײַט ווידער סעדער און גערטנער, און העכער אַרויף צושפּרייט זיך אין זײַן פֿולער לענג דער בית־עלמין, דער בית־החיים, אָדער ווי מ׳רופֿט אים אויך, „דער הייליקער און גוטער אָרט“ מיט זײַנע קברים, מצבֿות, אוהל׳ס, ביימער און קוסטעס.

פֿאַרנאַכט־צו, ווען כ׳פֿלעג שטיין אין אונדזער הויף און זיך לאַנג אײַנקוקן צו די זונען־אונטערגאַנגען, הינטערן בית־עולם, האָב איך אָפֿט געטראַכט אַז די זון גייט אַרונטער צום אָוונט פֿאַר

איר שלאָף אין דעם זעלביקן אָרט, וואו די מענטשן שלאָפן זייער אייביקן שלאָף...

* * *

און ווי פּראַכטיק־שיין עס האָבן אויסגעזען אויף מיכאַלישאַק די שטרעקעס לאַנד פון די גערטנער און פעלדער ווינטער־צייט! אַזאַ ווייסן קרישטאַל־קלאָר שיינענדיקן צודעק האָט דאָס אויג ניט געזען אין גאַנצן תחום פון שטעטל.

דאָ איז דער שניי־דעק געלעגן אין זיין פולער גאַנצקייט און שיינקייט וואָכן און חדשים, ווי נאָר ס׳האָט זיך איבער אים פאַרצויגן אַ ווייס־בלוילעך אייז־הייטל.

ריזיקע שניי־מענטשן, טורעמדיקע אויוונס, היילן און טונעלן, וואַלן און באַריקאַדן, זענען דאָ געשאַפן געוואָרן דורך די מיכאַליש־קער קינדער אין פרייד און באַגייסטערונג.

און אָפטמאָל, אין די נעכט, מערסטנס שבת־צו־נאַכט, ווען ס׳האָט זיך געצויגן אַ לוויה צום בית־עלמין, אָדער ווען מ׳איז צו ר׳ מאיר׳קעס יאָר־צייט געקומען אָנצינדען ליכט אין זיין גרויסן ווייסן אוהל, פלעגן זיך די טונקלקייט פון נאַכט, די לאַנגע שאָטנס פון די מיטה־טרעגער, די צאַנקנדיקע ליכט אין די לאַמטערנעס צונויפמישן מיט דער ווייסקייט פון שניי און צוזאַמענגיסן זיך אין אַ מין מיסטעריע, וואָס האָט באַצויבערט און גלייכצייטיק געצופּט דאָס האַרץ.

▼

אַ שריפה

נאַכט. אויף דער ברייטער באַנק, מיט די געשניצטע פיר־עקיקע לעקאכער, וואָס געפינט זיך האַרטביים מזרח־וואַנט, שטייט אַ אינגעלע פון אַ יאָר דריי, אַנגעטאָן בלויז אין אַ העמדל. דאָס קינד איז צוטומלט און ציטערט. דורכן פענצטער קוקט ער אַרויס און זעט אַ בראַנדיק־רויטן צעצונדענעם הימל. פייער־ציגגער פלאַמען כסדר אויף אין דער ווייטנס. געדיכטע רויך־זיילן טראָגן זיך אין דער הויך, און דורך זיי שיסן אַלע ווײַלע אויף פונקען־שפּריצן ווי פייער־פליגן.

קעגנאיבער זייער הויז, אין דעם גרויסן גאָרטן, זיינען צענויפ־געוואָרפן פעק און קלומקעס. צווישן זיי ליגן צענויפגעקנוילטע יאָ־מערדיקע ווייבער און וויינענדיקע קינדער.

מאַנסבילן, מיט פעק און קאַסטנס אויף די פּלייצעס, לויפן הין און צוריק ווי פאַרווירטע.

אַ געשריי ברעכט אויס אין גאַס: דער מאַרק ברענט! די שריפה טראָגט זיך צום שול־הויף!

אַ גערויש דערהערט זיך ביים טיר. דאָס קינד גיט גיך אַ קער דאָס פנים פון פענצטער, צו זען ווער קומט עס אַריין.

מענער, יונגע און אַלטע אידן, צווישן זיי אויך דער טאַטע זיינער, קומען אריין אין הויז. זיי טראָגן אויף די הענט חפצים, וואָס זיי לייגן אַוועק אויפן לאַנגען „הדר״־טיש מיט די צעעפנטע פליגלען.

דאָס קינד פילט, אַז אָט די חפצים, מיט די שיין־געשניצטע הענטלעך, אַנגעטאָן אין ווייסע, בלויע, גרינע און רויטע העמדלעך, וואָס פון זיי שיינען אַראָפּ גילדענע אותיות און שטערנדלעך, זענען

זייער ליב און טייער ביי די מענטשן. ער זעט, ווי מ׳לייגט זיי אַוועק מיט אַזאַ ציטעריקייט און צערטלעכקייט, אָנקושנדיק זיי בעת־מעשה.

די מאַנספאַרשוינען גייען איילנדיק אַרויס. דאָס קינד בלייבט ווידער איינער אַליין.

אַ זייל ליכט גיט זיך פלוצים אַ טראָג אַריין דורכן פענצטער און באַגיסט מיט אַ רויטן שיין די טייערע חפצים, וואָס ליגן דאָ פאַר אים אויפן טיש. די אותיות אויף די העמדלעך לייכטן אײַנגאַנצן אויף.

דעם קינדס קלאַפנדיק הערצל ברויזט אויף. ער גיט זיך פלוצלונג אַ בויג אָן איבער די חפצים, פאַלט צו זיי צו, און קושט זיי מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם.

▼

די מיטלסטע חורבה

אין מיינע קינדער־יאָרן האָבן זיך נאָך אויף דער מיכאַלישקער גאַס, ניט ווייט פון אונדזער הויז, געפונען די „דריי חורבות". דאָס זענען געווען אַלטע, האַלב־איינגעפאַלענע שטיבלעך, וואָס האָבן, ווי ס'האָט זיך געדוכט, געהאַלטן אין איין בעטן־זיך ביי די פאַר־ביגייער: אידן, האָט רחמנות, האַלט אונדז אונטער! ווייל אָט־אָט און מיר פאַלן, חלילה, איין, און די וואָס וואוינען דאָ וועלן אומקומען מיט אונדז.

פון ביידע זייטן פון דער מיכאַלישקער שול זענען געשטאַנען צוויי פון אָט די חורבות און אויף דער אַנדער זייט גאַס, קעגנאיבער דער שול, האָט, ווי די מיטלסטע פינטל פון אַ סגול, זיך געפונען די דריטע חורבה.

אָט די מיטלסטע חורבה האָט מיך שטאַרק געצויגן צו זיך. ווייל מיט יאָרן צוריק, ווען זי האָט נאָך געהאַט דעם זכות צו רופן זיך מיטן לייטישן נאָמען „שטוב", האָט דאָס הויז געהערט צו מיין עלטער־פעטער ר' ליימע חיות, דער שוחט. אין אָט דער שטוב זענען געבאָרן געוואָרן, האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט, און האָבן חתונה געהאַט פיל פון מיינע פעטערס, מומעס, און שוועסטער־קינדער. עטלעכע פון זיי האָבן דאָרטן אויך זייער לעצטן אָטעם אויסגעהויכט.

אין מיין קינדהייט האָט אין דער חורבה געוואוינט משה קאַפּלס, דער מצבה־מאַכער, און אין דעם גרויסן הויף ביי דעם שטיבל האָט מען אויסגעאַרבעט די מצבות.

אין דעם פאָדערשטן טייל פונם הויף זענען געווען אויסגעשטעלט די פאַרענדיקטע מצבות. זיי זיינען געווען אַנדערש איינע פון דער

צווייטער, סיי אין אויסזען, סיי אין דעם אופן ווי זיי זענען געווען אויסגעאַרבעט, ווי אויך מיטן נוסח, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף זיי.

אייניקע פון די מצבות זיינען געווען קליינע, נידעריקע, ניט קיין אַרומגעשלייפטע, און ניט קיין אַרומגעגלעטע. זיי האָבן אויס־געזען מאַזאָליסטע, ווי די הענט פון דעם „איש תם, נהנה מיגיע כפיו", דער נוסח וואָס איז געווען אויף זיי אויפגעשריבן מיט שוואַר־צע אותיות.

אַנדערע מצבות זיינען געווען הויך, גרויס, פיין אויסגעאַרבעט, גלאַט און גלאַנציק, און די אותיות געפילט מיט גאָלד. נאָר מיט איין זאַך האָבן זיך אַלע מצבות אויסגעגליכט: יעדע מצבה האָט זיך אָנגעהויבן מיט „פ"נ", און פאַרענדיקט מיט „תנצב"ה".

משה קאַפּלס האָט אַראָפּגעבראַכט פון מינסק אַ בחור, אַשטיינ־קריצער, אַ מייסטער. דער בחור האָט געקענט אויסצאַצקען אַ פּאָר „פאַרשפּרייטע הענט" אויף דער מצבה פון אַ כהן, אַ „קריגל" פאַר אַ לוי, און אַ „זיבן רעריקע מנורה" אויפן שטיין פון אַן אשה צדקנית.

אויף די אותיות, וואָס דער מינסקער בחור האָט אויסגעקלאַפּט אויף די מצבות, סיי די איינגעקריצטע, סיי די בולטע, זענען געווען זעלטן־שיין. ער האָט זיי אויך גוט אויסגעפּאַרבט, אָדער אויסגעפילט מיט גאָלד. אָבער איבערלייענען דעם נוסח וואָס ער קריצט אויס, דאָס האָט שוין דער „מייסטער" ניט געקענט. אויף דעם פּירוש המלות, אויף פאַרטייטשן די ווערטער, איז ער נעבעך גאַרניט געווען קיין מייסטער.

משה קאַפּלס איז געווען אַן אַריינגייער אין אונדזער הויז. ער האָט יעדן מאָל געבראַכט מיין טאַטן אַ „נוסח", צו פאַרריכטן די גרייזן און אויסצובעסערן דאָס לשון.

ניט זעלטן האָט דער טאַטע אַליין פאַרפאַסט „נוסחאות״, אין וועלכע די ערשטע אותיות פון די שורות אויף דער מצבה האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם נאָמען פון נפטר, אויך דעם נאָמען פון זיין פאָטער, און אַמאָל אויך זיין פאַמיליע־נאָמען.

כדי צו אָפּצאָלן אים, משה קאַפּלס, פאַר זיינע אָפּטע באַזוכן ביי אונדז אין הויז, בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער אין זיין הויף, וואו מ׳האָט געמאַכט די מצבות. כ׳האָב ליב געהאַט צו באַאָבאַכטן ווי מ׳אַרבעט אויס די שטיינער און ווי דער מייסטער קריצט אויס די אותיות.

מיטן אָנקום פון האַרבסט איז געווײנטלעך די אַרבעט אויפן הויף אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ צאָל שטיינער האָט מען דאַן אַריינגענומען אין האַלב־איינגעפאַלענעם שטיבל אַריין. אין יענע טעג בין איך אָפט אַריין אין דער חורבה גופא. אָבער שוין ניט בלויז צו באַאָבאַכטן די אַרבעט, נאָר צו קענען באַטראַכטן דאָס שטיבל, וואָס איז אַמאָל געווען די דירה פון מיין עלטער־פעטער.

כ׳האָב אַרומגעבלאָנקעט צווישן די אָפּגעשיילטע פינצטערע ווענט; כ׳האָב זיך כסדר אָנגעשלאָגן אָן די פאַרפוילטע רעשטן פון די אָפּגעבראָכענע שטיקלעך ברעטער פון דיל און האָב אַרומגעזוכט די שאָטנס פון די פאַרגאַנגאַנגענע דורות.

דער עיקר האָב איך דאָ געזוכט דעם שאָטן פון מיין פעטער, ר׳ ליימע דער שוחט, וואָס דער טאַטע האָט מיר וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט געהאַט „אַ גאָלדערנע האַרץ״, און דער קול זיינער, ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, איז געווען דין און זיס ווי דער קלאַנג פון אַ פידל.

כ׳פלעג מיך שטאַרק אַרומקוקן אין די פאַר׳חושכ׳טע, אָפּגעריסענע ווינקלען פון דעם פאַרהויז, פון דער גרויסער „פערעדניע״, און געוואָלט טרעפן וואו אַ שטייגער איז דאָ געזעסן מיין עלטער פעטער?

כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז פונקט דאָרטן ביים פענצטער, וואו עס זיצט דער מינסקער בחור און קריצט אַריין אין שטיין די ווערטער, וואָס ער פאַרשטייט ניט, איז געזעסן דער פעטער ר׳ ליימע, קליין אין געוויקס און גרויס אין מעשים, און האָט געלערנט תורה מיט אַ זיס־אומעטיקן ניגון.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך פאַרנעם דעם ניגון און ער גייט מיר טיף אין האַרצן אַריין.

און כ׳האָב גרויס צער געהאַט, וואָס פון אָט דער שטוב האָט זיך דער כבוד שוין לאַנג אָפּגעטאָן; וואָס פון איר איז בלויז אַ חורבה געבליבן, און גאָר אינגיכן וועט זי איינפאַלן, און ס׳וועט פון איר קיין זכר ניט בלייבן...

▼

די צוויי קוזיניעס

אין דער האַלבער גאַס פון „מיכאַלישאַק פון נאָכן בריק״, האָבן זיך געפונען צוויי קוזניעס, וואָס האָבן אין איר אַריינגעבראַכט לע־בעדיקייט און גערודער.

אַרום די אָפענע קוזניעס פלעגן שטיין פויערישע וועגענער, רעדער, אַקער־אייזנס און באַראַנעס. זיי האָבן דערציילט פון דאָר־פישן לעבן און פון די פעלדער, וואָס שפייזן אַלעמען מיט ברויט.

ירמיה דעם שמידס קוזניע איז געשטאַנען ביי דער קאַנאַווע, לעבן דעם צעפאַרענעם בריקל. די צווייטע איז געווען די קוזניע פון אונדזער שכן יאָסל.

ירמיה דער שמיד איז געווען אַ איד אַ בעל־צורה, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ גרויסער שוואַרצער, צעפּאָכעטער באָרד. ער האָט זיך געהאַלטן מעשה חשובער בעל־הבית. פון זיין קוזניע האָט אָבער געוויעט מיט אַן אומעטיקער קעלט.

אפילו, ווען די קוילן האָבן געהעשעט און דאָס פייער האָט געפלאַקערט אין פייערקע, און פון ירמיה׳ס האַמער האָט דער אָנ־געגליטער אייזן געשפריצט מיט פונקען, אפילו דעמאָלסט האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווען מ׳איז געשטאַנען אין זיין קוזניע.

די מיכאַלישקער קינדער האָט עס ניט געצויגן צו ירמיה׳ס קוזניע. דערפאַר אָבער האָבן זיי טאָג ווי נאַכט אַרומגעפּאַדעט אַרום יאָסל׳ס קוזניע. יאָסל דער שמיד איז געווען אַ דאַרער, אַ קורץ־געוויקסיקער, מיט אַ פּאָר העל־ברוינע אויגן. עטלעכע האָר זענען אים געוואַקסן אויף דער שאַרפער שפּיץ גאָמבע. די ליולקע האָט כסדר געשטעקט אין זיין מויל.

ווער ס׳איז אַריין צו יאָסלען אין קוזניע, האָט באַלד דערפילט די וואַרעמקייט, וואָס האָט געשטראָמט פון אַלץ, וואָס ער האָט גע־

טאָן. יאָסל האָט אין זיך געהאַט אַ פונק פון אַ קינסטלער, וואָס טוט מיט באַגייסטערונג זיין אַרבעט. דער גלעט־האַמער אין יאָסל׳ס רעכ־טער האַנט האָט זינגעוודיק געקלאַפּט דאָ אויף דער קאָוואַדלע, און דאָ אויפן אָנגעגליטן שטיק אייזן, פאַרגלעטנדיק די שווערע קלעפּ, וואָס זיין זון, קאָפּל, האָט מיט זיין ריזן־האַמער אָקאָרשט אַראָפּ־געלאָזט.

ס׳איז ניט געווען קיין חילוק אויף וואָס פאַר אַ שטיקל מלאכה יאָסל האָט געאַרבעט: (און ס׳איז ניט געווען אַ זאַך אין שמידעריי, וואָס יאָסל האָט ניט געקענט) צי ער האָט אויסגעשמידט אַ פאָדקאָווע, צי ער האָט אָנגערייפט אַ ראָד אויפן גרויסן מילשטיין, וואָס איז גע־לעגן ביי דער קוזניע, צי ער האָט האָט אָנגעשטאַלט אַן אַקער אָדער אַ האַק, — אַלץ האָט יאָסל געטאָן מיט ברען. די אַרבעט האָט געזונ־גען ביי אים אין די הענט.

די סאַמע ווילדע, צורייצטע פערד, פלעגט מען ברענגען צו יאָסלען, ער זאָל זיי אונטערשמידן. ווען יאָסל האָט אַריינגעקלעמט דעם פערדס פוס צווישן זיינע קני, האָט מען געוואוסט, אַז ס׳וועט זיך פון דאָרט ניט רירן, ביז יאָסל וועט ניט אַריינקלאַפּן דעם לעצטן טשוועקל, און ביז ער וועט ניט פאַרענדיקן דאָס אַרומפיילן און אַרומגלעטן פון דער קאָפּיטע.

יאָסל איז געווען אַ מענטש אָן גאַל, שטענדיק גרייט אַרויסצו־העלפן אַ שכן אָדער אַ פריינט מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט.

יאָסל האָט אויך גוטמוטיק נאָכגעגעבן די קינדערשע בקשות פון מיכאַלישקער אינגלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום זיין קוזניע. ער האָט זיי געלאָזט בלאָזן דעם בלאָז־זאַק, דערלויבט זיי צו מאַכן פאַר זיך אין זיין קוזניע מעסערלעך פון בלעך און פון אייזן. ער האָט זיי געהאָלפן מאַכן שליטעלעך און גליטשערס. די אָרעמע מיכאַ־לישקער אינגלעך האָבן זיך ניט געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס צו קויפן גלאַנציקע, שטאָלענע „קאָנקעס", ווי עס האָבן געהאַט די

גבירישע קינדער. דעם אָרעמען יונגוואַרג איז אָבער נעבעך דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען צו האָבן כאַטש וועלכע ס'איז גליטשערס; פלעגן זיי זיך מאַכן „קאַנקעס" פון האָלץ מיט אַן אייזערנעם שאַרפן דראָט אין דער מיט.

יאָסל האָט אונדז, מיכאַלישקער חדר־אינגלעך, אויך געהאָלפן מאַכן גראַגערס און המן־קלאַפּערס פאַר פורים, בויגנס און פיילן פאַר ל"ג בעומר, און שווערדלעך פאַר תשעה־באָב. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט אַ האַרציקער גוט־ווילִיקייט.

שטאַרק הנאה האָב איך געהאַט צו זען יאָסלען שאַרפן אַ סערפּ. דער פויער מיט דער פויערטע דרייען מיט גרויס התמדה דעם קיי־לעכדיקן שאַרפשטיין — די „טאַטשילע". יאָסל זיצט רייטנדיק אויפן „באַק", דעם הילצערנעם געשטעל, צו וועלכן דער שאַרפשטיין איז צוגעפעסטיקט. מיט אַ בליציקער געשיקטקייט פירט יאָסל דורך דעם סערפּ איבערן „טאַטשילע", פון עק צו עק. דרייענדיק זיך, טובל'ט זיך דער שאַרפשטיין אין וואַסער, וואָס געפינט זיך אין דעם מולטערל, וואָס הענגט אונטערן געשטעל. און ווען דער בלאַנקעג־דיקער סערפּ באַגעגנט זיך מיטן שטיין, שרייט עס: "שאַרף! שאַרף!" און שפּריצט אַרויס פייער־פונקען, וואָס פליען יאָסלען גלייך אין פנים אַריין.

ס'האָט זיך געדוכט: די פונקען ווילן זיך נאָר אַריינכאַפּן אין יאָסלס פאַרלאָשענער ליולקע און אָנצינדן איר.

און יאָסל? די הענט זיינע ווערן גאָר ניט מיד, פירנדיק אַזוי גיך און געניט דעם סערפּ איבערן שאַרפשטיין.

יאָסל האָט אין מיינע אויגן דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ כשוף־מאַכער, וואָס באַשאַפט פונקען און פייער־שפּריצן מיט די אויסטער־ליש־גיכע און זיכערע באַוועגונגען פון זיינע הענט...

▼

תשעה־באב נאַכט

דעם „אוד מוצל מאש", דעם מקונן פון חורבן ניעסוויזש,
ר' משה לאַכאָוויצקי פון בית־אלפא, ישראל, אין פריינטשאַפט.

דער אומעט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין האַרצן נאָך פון האַלבן טאָג אָן, ערב תשעה־באָב, מיטן גרייטן זיך צום תענית, האָט זיך מיט זיין גאַנצער אימה'דיקייט צעשפּרייט ביים זאָגן קינות אין אַלטן בית־מדרש.

פון דער טונקלקייט וואָס האָט איינגעהילט דעם בית־מדרש; פון אָרון־קודש, וואָס איז געשטאַנען אַזוי אָבל'דיק אָן דעם פּרוכת; פון די פאַרפינצטערטע פּנימער פון די זקנים, וואָס זיינען געזעסן אָן שיך אויף ברעטער, אויף די טרעפּ פון באַלעמער און בימה, און אויף די איבערגעקערטע שטענדערס; פון מיין טאַטנ'ס קול וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט טרערן ביים לייענען די מגילה „איכה"; פונם יאָמערדיקן ניגון פון בעל־תפילה ביים זאָגן די קינה „שומרון קול תתן יצאוני בני", — פון דעם אַלעם האָט געוויינט מיט אַ שווערן טרויער און האָט געדריקט דעם געמיט.

דער טרויער האָט מיך באַגלייט אויף מיין וועג אַהיים, ווען איך בין געגאַנגען אַ שוויגנדיקער ביים זייט פון טאַטן. מיין שווערער געמיט לאָזט מיך ניט אַריינגיין אין שטוב.

כ'זעץ מיך צו אין הויף אויף דער באַנק, וואָס שטייט דאָרט.

דער הימל איז טיף־טיף, פאַרזייט מיט שטערן, וואָס ווינקן אַזוי אומעטיק פון דער הויך. אַ סך פון זיי וואָגלען, בלאָנקען אַרום פאַרלוירענע, זוכנדיק פאַר זיך אַ וועג. אַנדערע פאַלן אַרונטער אַזוי בלאָנדזשענדיק. אָט ווייזט זיך די לבנה. ווי בלאַס און אומעטיק איז איר פאַרשעמט־פּגימה'דיק פּנים!

פון דער שטילקייט דערטראָגט זיך צו מיר דאָס געזאַנג פון די צווי שוועסטער, אַניע און פראַניע מיטשיצקי, די טעכטער פון דער פוילישער אַלמנה, וואָס קומט אָפּט אַריין אין מיין שוועסטערס קרעמל איינצוקויפן שפייז. די צווי שוועסטער זענען פון די זיב־גערקעס אין פוילישן קלויסטער. יעדן זונטיק פרי זע איך זיי ביידן גייענדיק פארביי אונדזער הויז, אָנגעטאָן אין ווייסן. די איינ־גערע איז נעבעך אַ קאַליקע, הינקט אויף אַ פוס. זיי זיצן מסתמא איצט, די צווי שוועסטער, אין סעדל, לעבן זייער אַלטן קליינעם שטיבל — וואָס שטייט דאָס ערשטע אויפן וועג וואָס פירט צו „וואַל״, — און זינגען אַ פויליש פאָלקס־ליד. די ווערטער הערן זיך ניט פון דער ווייטן, נאָר די מעלאָדיע איז אָנגעזאַפּט מיט טרויער און בענ־קעניש.

אין מיינע אויערן קלינגען נאָך די קינות. אין מיין דמיון זע איך איצט צוויי אַנדערע שוועסטער, די דערשלאָגענע, פאַרפייניקטע אָהלה און אָהליבה*), ווי זיי קלאַפּן זיך אין האַרצן, דערציילן אויס איינער פאַר דער אַנדערער זייער צער און בראָך.

אין האַרצן דריקט דער טרויער. ס׳קומען מיר אַרויף אויפן זכרון די אגדות פון חורבן, וואָס כ׳האָב געהערט היינט פרי דעם טאַטן דערציילנדיק פאַר זיינע תלמידים. איך זע דעם אַלטן נביא ירמיהו, ווי ער גייט צו די קברים פון די אָבות אין מערת־המכפלה, צו וועקן זיי און ברענגען צו זיי די ביטערע בשורה פון חורבן.

ווי אַליין אָקאָרשט אָן אויפגעוועקטער, גיב איך זיך אַ ריס פון אָרט און קוק לאַנג צו מעריב־זייט. אין־דער־וויטנס דאָרטן איז צוליגט דער בית־הקברות. מיר דוכט זיך, אַז כ׳זע די שאָטנס פון

---

*) מיט די נעמען: אהלה און אהליבה האָט דער נביא יחזקאל אָנגערופן די צווי שוועסטער מלוכות: יהודה און ישראל. און דער פּיטן אליעזר הקליר האָט זיך מיט די נעמען באַנוצט אין דער קינה: „שומרון קול תתן״.

מתים ווי זיי וואַנדערן דאָרט אַרום. זענען ניט צומאָל אויפגעשטאַנען די רבנים און צדיקים פון זייערע קברים? איז אפשר אויך דער צדיק ר׳ מאיר׳ל אַרויס פון זיין גרויסן, ווייסן אוהל, צו קלאָגן אויפן גורל פון די אידן, וואָס זענען פאַרטריבן אין גלות, און אויף דעם לאַנד פון די אָבות וואָס איז וויסט און חרוב?!

איך זעץ מיך צוריק אויפן באַנק.

דאָס געזאַנג פון די שוועסטער, אַניע און פראַניע, ווערט אָפּגעהאַקט, אַנטשוויגן. אין הימל ווינקען אַלץ די שטערן. וואָס ווינקען אַזוי די שטערן? וועגן וואָס דערציילן זיי עס איינער דעם צווייטן אויף זייער שפּראַך פון רמז און סוד אין אָט דער חורבן־נאַכט?!

* * *

אַ געקלאַפּ פון שטיינער אין אַ בלעכענעם דאַך, וועקט מיך אויף און נעמט מיך אַרויס פון מיין עולם־הדמיון.

איך פרעג מיך ניט וואָס איז געשען. כ׳זוך ניט קיין ענטפער אויף דעם, וואָס איז אַזוי באַוואוסט. איך פאַרשטיי: די מיכאַלישקער זשוליקעס האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן זייער תשעה־באָב׳דיקע באַטאַליע. זיי נעמען זיך איצט מקיים־זיין דעם יאָר־יערלעכן מנהג, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין דער תשעה־באָב־נאַכט: צו וואַרפן שטיינער אויף ירמיהו דעם שמידס דאַך. זיי זענען מקיים דעם מנהג מיט גרויס התלהבות.

כ׳האָב מיך קיינמאָל ניט געוואונדערט אויף דעם וואָס מיכאַלישקער חברה זשוליקעס האָבן אויסגעקליבן צו וואַרפן שטיינער דווקא אין דער תשעה־באָב־נאַכט, און צו פאַרוואַנדלען די חורבן־און טרויער־נאַכט פון אונדזער פאָלק אין אַ גרויל־נאַכט פאַר ירמיהו דעם שמידס הויז־געזינד.

כ׳האָב מיר געטהאַכט: מיטן כוח פון מנהג, וואָס דערלויבט די קליינע משחיתים צו וואַרפן אום תשעה־באב, — ווי אַ זכר־לחורבן, — בערעלעך און שטעכעלקעס אין די בערד און פאות פון אַלטע אידן, וואַרפן זיי שוין אויך שטיינער.

געוואונדערט האָט מיך אָבער, און כ׳האָב געזוכט אַן ענטפער אויף דעם רעטעניש: פאַרוואָס האָבן עס די קונדסים אויסגעקליבן דווקא נאָר ירמיהו דעם שמידס דאָך פאַרן ציל פון זייערע שטיינער?

ווען כ׳בין אַביסל עלטער געוואָרן, האָב איך אַליין, אויף מיין אייגענעם שטייגער, געפונען אַ באַשייד צו אָט דער רעטעניש: ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז שולדיק אין דעם איז געווען נאָר דער בלעכענער, רויטער דאָך, וואָס ירמיה דער שמיד האָט אין איין שיי־נעם זומער אַרויפגעצויגן אויף זיין הויז. די מיכאַלישקער ווייסע־חברה־ניקעס האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן און פאַרגעבן ירמיה דעם שמיד אַזאַ גרויסהאַלטעריי. האָט איר שוין געזען אַז אַ מיכאַ־לישקער שטיבל זאָל האָבן אַ בלעכענעם היטל? וואָס־זשע איז עפּעס ירמיה׳ן פּלוצים איינגעפאַלן זיין אַנדערש פון אַלעמען און זיך אַזוי נגידיש אויסצופּוצן?! און אין דער תשעה־באָב־נאַכט, ווען חברה זשוליקעס האָבן געקראָגן אַ פרייע האַנט, האָבן זיי אויפ־געמאָנט פון ירמיה דעם שמיד און פון זיין רויטן דאָך פאַר דער שווערער באַליידיקונג קעגן די אַלע מיכאַלישקער שטיבלעך, וואָס זייערע דעכער זענען געווען באַדעקט מיט אַנגעקוואַלענע, צעלע־בערטע שינדלען, דורך וועלכע די טראָפּנס רעגן האָבן געהאַט אַ פרייען דורכגאַנג.

און אַמאָל פלעג איך, אַזוי זיצנדיק אויפן באַנק אין אונדזער הויף אין אַ תשעה־באָב־נאַכט, טראַכטן: צו קען מען בכלל פרעגן קשיות אויף די מנהגים פון די ווייסע חברה׳ניקעס? — אויב יע, וואָלט מען דאָך געדאַרפט אויך פרעגן: פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַזוי

אומברחמנות׳דיק אָנגעזעצט אויף אונדזער שכן מרדכי, אליה־הרצל׳ס און פאַרשאַפן אים אַזויפיל האַרצקלעמעניש דורך רייסן באַרן פון דעם אַלטן באַרנבוים, וואָס געפינט זיך אין זיין גרינס־גאָרטן, האַרט ביים הויף פון דער מיכאַלישקער שול?

אַך, וואָס אַט דער מרדכי, אליה־הרצל׳ס איז עס אויסגעשטאַנען צוליב אַט דעם בוים־יחיד, זיין איין־און־איינציקן באַרנבוים!

אָבער די קונדסים האָבן זיך כלל ניט געקימערט פון זיין נאָכיאָגן זיי, פון זיינע בייזע קללות, פון זיין ערגערניש און צער. זיי האָבן זיך געהאַט זייערע אייגענע דינים און מנהגים, וואָס זיי האָבן אָנגענומען און אָנגעהאַלטן און האָבן מקיים געווען מיט אמתער איינשטעלעניש.

▼

„האַלבע״*)

שבת בייטאָג, זומערצייט, באַלד נאָך דער צווייטער סעודה, האָט זיך דורך אונדזער גאַס מיכאַלישאַק אָנגעהויבן דער שפּאַציר קיין „האַלבע״ — צו דעם מיט נאַטור־שיינקייט געבענטשטן פּול־וואַראָק פון פירשט ראַדזיוויל, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַ צוויי וויאָרסט ווייט פון ניעסוויזש.

ס׳רוב שפּאַצירער זענען געווען יונגע בחורים און מיידלעך, אַרבעטער־געזעלן, נייטאָרנס, פּריקאַזטשיקעס, וואָס אַ מהלך פון עטלעכע וויאָרסט האָט ביי זיי קיין באַטרעף ניט געהאַט. זיי האָבן געשטעלט אויף די הילצערנע טראָטואַרן פעסטע טריט, וואָס האָבן הויך אָפּגעהילכט אין דער לופט.

געגאַנגען שפּאַצירן זענען אויך ווייבער און מענער, ס׳רוב פון די בעלי־מלאכות פון מיכאַלישאַק און פון די אַרומיקע געסלעך. מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען קליינוואַרג, אינגעלעך און מיידעלעך, וואָס האָבן זיך נאָך אָנגעהאַלטן אָן דער מאַמעס שבת׳דיקער קלייד. די עופה׳לעך האָבן די מאַמעס, אָדער טאַטעס, געטראָגן אויף די הענט.

עס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן שבת־שפּאַציר קיין „האַלבע״ דערוואַקסענע אינגלעך, חברה־קונדסים, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט פון גאַס מיט אַ לוסטיקן טומל און הפקר׳דיקן געפילדער.

געגאַנגען שפּאַצירן זענען אויך בחורים אָנגעטאָנענע אין שוואַר־צע און רויטע רובאַשקעס, אַרומגעגאַרטלט מיט קוטאַסן.

---

*) דער נאָמען „האַלבע״ ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ ווייכער „למד״, ווי ס׳וואָלט נאָך איר געשטאַנען אַ רוסישער „מיאַכקי זנאַק״.

די קליינוואַרג אין אונדזער גאַס האָבן געוואוסט, אַז אַט די בחורים זענען חברים פון „בונד" און „פועלי־ציון", און האָבן זיך געשושקעט, אַז דאָס גייען זיי קיין האַלבער וואַלד אויף „סכאָדקעס". געווי וואָס איז אַזוינס אַ „סכאָדקע", האָבן ניט אַלע קינדער געוואוסט. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזוינס, וועגן וואָס מ'דאַרף זיך סוד'ען און ניט ריידן וועגן דעם אין דער הויך.

פאַר עטלעכע שעה האָבן זיך אַזוי געצויגן אַלערליי שפּאַצירער דורך אונדזער גאַס מיכאַלישאַק, וואָס פירט אַרויס צום עק שטאָט, צו די גערטנער און פעלדער, און צום ווייסן זאַמדיקן וועג וואָס ברענגט קיין „האַלבע".

די שפּאַצירער האָבן אָנגעפילט די שבת־לופט מיט אַ באַזונדער פריילעכקייט.

* * *

ביי מיר האָט „האַלבע" פאַרנומען אין מיין קינדהייט גאָר אַ באַזונדער אָרט. כ'האָב דאָרט פאַרבראַכט די שענסטע שעה'ן פון מיין לעבן. כ'האָב אַהין שפּאַצירט גאַנץ אָפט איינער אַליין. צייטנווייז צוזאַמען מיטן טאַטן און מיט מיינע שוועסטער און ברידער, און אַ סך מאָל מיט מיינע חברים. „האַלבע" האָט מיך געצויגן צו זיך אין די שבתים און ימים־טובים און אין יעדן טאָג, ווען מ'איז נאָר פריי געווען פון „חדר".

אין די ווינטער־חדשים, ווען אַ דיקער שניי־צודעק האָט איינגעהילט די פעלדער און וועלדער, האָב איך מיט בענקשאַפט געטראַכט וועגן דער פאַרשנייטער, פאַרלאָזענער „האַלבע".

דאָס עצם גיין קיין „האַלבע" האָט מיר פאַרשאַפט אי פרייד, אי אַ מין ציטער.

דאָס אַרויסגיין אויסערן שטאָט האָט ביי מיר, דעם מיכאַלישקער אינגל, לאַנג ניט גענומען. ווי איך בין נאָר פאַרבייגעגאַנגען די

גרויסע גערטנער אין עק פון אונזער גאַס, בין איך שוין געווען אויסערן שטאָט. עטלעכע מינוטן שפּעטער האָב איך זיך שוין גע־פונען אויף ווייט אַוועק פון בית־עולם. ס׳איז פאַר מיינע אויגן אויסגעוואַקסן די ווינט־מיל מיט די לאַנגע צושפּרייטע פליגלען, און כ׳בין שוין געגאַנגען איבערן זאַמדיקן וועג וואָס פירט קיין „האַלבע״.

פון ביידע זייטן וועג שפּרייטן זיך ווייט און ברייט די תבואה־פעלדער. עס וואַקסט דאָ קאָרן, ווייץ, האָבער און גערשטן. די גאָל־דענע זאַנגען וויגן זיך כסדר. עס דוכט זיך מיר, אַז זיי פאַרנויגן זיך און באַגריסן מיר.

פון צווישן די זאַנגען ווינקען צו מיר די איידעלע, בלויינקע קאָרן־בלימלעך אויף זייערע דינינקע פּיסעלעך, די גאָלדיק־זילבער־נע מאַרגאַריטקעס און די רויטלעכע „פייגל־מילך״ קווייטעלעך מיט די ווייסע, זיסע וואָרצעלעך.

אָט קום איך שוין צום ערשטן בערגל. איך דאַרף פאַרבייגיין דעם ערשטן צלם. ס׳האַרץ קלאַפּט. כ׳קוק זיך אום אויף אַלע זייטן. זאָג שטילערהייט דריי מאָל: „שקץ תשקצנו״ און לויף גיך פאַרביי.

און אָט בין איך שוין לעבן יונה „דעם האַלבערס״ הויז. דאָס שטיבל שטייט דאָ איינע אַליין, ווי אַ פאַרלאָרענע צווישן די גרויסע תבואה־פעלדער. נאָר דער לאַנגער קאַלבעראַד פון ברונעם, וואָס געפינט זיך אין פאָדערשטן טייל פון הויף, ווינקט צו מיר, און רופט מיך: קום אַהער, אינגעלע, זעץ זיך דאָ צו, רו זיך אָפּ, און דער־קוויק דאָס האַרץ מיט די לויטערע, קאַלטע וואַסער פון ברונים.

כ׳פאָלג. זעץ מיך אַוועק אַ ווײַלע אויפן פריזבע. נאָכדעם גיי איך צו צום ברונעם, שעפּ אָן וואַסער און טרינק גלייך פון עמער.

עס קומט אַרויס פון שטיבל יונה דער הויכער, מיט דער לאַנ־גער, פלאַקסענער באָרד. מיר זענען אַלטע באַקאַנטע. יונה דאַוונט

דאָך אין די שבתים און אין די ימים־טובים אין דער מיכאַלישקער שול. שבת פרי קומט ער אהין צו גיין איינגעוויקלט אין ווייסן, וואָלענעם טלית. ער וויל ניט נכשל ווערן חלילה מיט טראָגן אום שבת.

שמועס איך אַ ווײלע מיט יונה׳ן. כ׳דאַנק אים פאַר די גע־שמאַקע, קאַלטע וואַסער, זאָג אים אַ גוטן שבת און גיי מיר ווייטער.

נאָר אָט איז שוין דער צווייטער בערגל מיטן אַנדער צלם. ווידער קלאַפּט ס׳האַרץ. ווידער קוק איך מיך אום און זאָג אין דער שטיל „שקץ תשקצנו״.

אַז איך גיי אָפּ נאָך אַ שטיקל וועג, שפּאַציר איך שוין גלייך אין „האַלבע״ אַריין.

אַ געדיכטע אַלייע פון הימל־הויכע דעמבעס מיט אַ ברייטן געלען זאַמד־וועג אינמיטן, איז מיך מקבל־פּנים.

די ריזן־ביימער זענען בייכיק, ברייט־צווייגיק, און שפּרייטן אַרום זיך אַ קילן שאָטן. ס׳דוכט זיך: אָט די דעמבעס ווייסן דעם סוד פון אייביק־לעבן.

פיל פון די ביימער האָבן שוין צעפּלאַצטע בייכער פון גרויס דיקייט און טיפן עלטער. זיי זענען אַרומגעשמירט מיט וואַפּנע און אַרומגעגאַרטלט מיט רייפן. זיי שטייען אָבער שטאַרק און האַלטן זיך פעסט. זייער זאַפט איז נאָך ניט אויסגעטרוקנט. די וואָרצלען פון די ביימער, וואָס זייער אייבערשטער טייל קריכט אַרויס פון דער ערד, זעען אויס ווי פאַרקראַמפּטע אייזערנע ריזן־פינגער פון דער לאַפּע פון אַ מאָנסטער־חיה. די לאַנגע צווייגן פון די ביימער זענען גרין און געדיכט באַבלעטערט.

אויף די צווייגן פון די דעמבעס נעסטלען טויזנטער פיי־

געלעך, זינגענדיקע און צווישטשערדיקע. אויף די הויכע בוימער שפּיצן האָבן זייערע נעסטן די גרויסע, ווייסע, שלאַנקע בושלעס.

אונטער די ריזן־ביימער שפּרייט זיך אַ ים פון הויכע, שמעקע־דיקע גראָזן. איך גיי אַריין אין דער אַלייע, שפּאַציר מיר צו געלאַסן צו דעם גאָר אַלטן דעמב, וועלכן איך רוף אין מיין פאַנטאַזיע „אברהם־אבינו׳ס בוים״. איך וואַרף זיך אַרײַן אין דעם ים גראָזן. צי מיך אויס. רו מיך אָפּ. כ׳ליג אַ לאַנגע צייט און זעטיק מיינע אויגן מיט די שיינע בילדער, וואָס איך זע פאַר מיר.

דער הימל־בלוי איז אַזוי טיף! לייכטע, ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס זעען אויס ווי קליינע מלאָכימלעך, ווי כרובים מיט צאַרטע פליגלען, שווימען אַרום אין דעם בלויען רוים.

די מלכה פון טאָג, די שטראַלנדיקע זון, וואַכט ווי אַ געטרייע מאַמע איבער די מלאָכימלעך, זיי זאָלן זיך ניט דערטרינקען, חלילה, אין דעם טיפן הימל־ים.

וואו די אויג גרייכט, זע איך לענג־אויס פאַר מיר תבואה־פעלדער אין אַלערליי גאָלד, געל און העל־גרינע שאַטירונגען. און ווייט־ווייט, ביים עק פון האָריזאָנט, נעמט אַרום די ברייטע פעלדער מיט אַ גרינעם זוים דער אַלטער וואַלד פון „האַלבע״, וואָס היט אויף אין זיך אייביקע יונגקייט און אייביקע סודות.

אַן אָנגענעמער געקלאַפּ פון בושאַל־פליגלען מישט זיך צונויף מיט דעם געזאַנג פון די פייגעלעך. עס גיט צו צו דער זיסער טרילעריי אַזאַ פרידלעך־ליבלעכן טיק־טאַק.

אַלץ, וואָס איך זע און איך הער, ליגנדיק אין די שמעקעדיקע גראָזן אונטער „אַברהם־אבינו׳ס בוים״, גיסט זיך צוזאַמען אין אַ האַרמאָניע פול מיט חן און צויבער.

איך הויב מיך אויף און לאָז מיך גיין מיט דעם געלן זאַמד־וועג ביז איך קום צום אָרט וואו די ביימער־אַלייע טיילט זיך

פאַנאַנדער. אין וועג פירט צו פירשט ראַדזיווויל׳ס אַ זומער־פּלאַץ. אַהין פאָרט דער דוכס אַרויס זומער־צייט פון זיין שלאָס מיט זיינע געהויבענע געסט, אין פירשטלעכן קאַטש, איבער דעם „ניישטאַטער־האַלבער טראַקט״. ביים זומער־פּלאַץ געפינט זיך אויך אַ קליינער זאָאָלאָגישער גאָרטן. די אַלייע, וואָס פירט אַהין, איז שטענדיק איינגעהילט אין אַ מין פאַרנאַכטיקער טונקלקייט. אַ פוס פון אַ ניט־געבעטענעם גאַסט קען אַהין ניט אַריינטרעטן. אויף דעם גיט אַכטונג דער אַלטער אַנטאָן, וואָס זיצט דאָ אין זיין גרינעםביידל, און היט דעם וועג צום „גן־עדן״ פון דעם שיינעם „האַלבע״ גוט.

מיין האַרץ ציט מיך אַזוי צו דער פאַרבאָטענער אַלייע! כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט אַנטדעקן וואָס אין דעם „גן־עדן״ טוט זיך! כ׳מוז מיך אָבער אונטערגעבן. מיט אַ פאַרדרוס אין האַרצן נעם איך גיין מיט דער צווייטער זון־באַגאָסענער אַלייע. כ׳שטעל מיך אָפּ פאַר אַ ווילע לעבן הויף פון דעם שיינעם הויז, וואו ס׳וואוינט פאַן קלימאַנסקי, דער אויפּפּאַסער אויף דער פיש־צוכט פון דעם טייך און די אָזערעס פון דעם „האַלבער״ פּולווארעק. כ׳קוק אָן די פּרעכטיקע בלומען, וואָס וואַקסן אין הויף ביי דער וועראַנדע: די גרויסע קוילן פון די בלוט־רויטע רויזן; די שלאַנקע בעכער־דיקע טולפּאַנען און די צאַרט־יחוס׳דיקע נאַרקיסן, און לאָז מיך באַרג־אַראָפּ צו דעם „האַלבער״ טייך.

* * *

אין אַ ראַם פון נאָדל־ביימער, ווייסע, דין־געשטרעקטע בעריאָזעס, ברייט־צעצווייגטע דינע ווערבעס און הויכע פּאָפּלע־גראָזן ליגט איינגעפּאַסט דער „האַלבער״ טייך.

ווי ליב און טייער איז מיר דער טייך! שעה׳ן פון אומפאַר־געסלעכן פאַרגעניגן פאַרברענג איך דאָ מיט מיינע חברים. מיר באָדן זיך און שווימען אין די לויטערע, קילע וואַסער, אין וועלכע

גאָלדענע־פיש ווימלען זיך. אין שאָטן פון דיביימער, ליגן מיר אויפן ברעג טייך, שפּילן זיך, דערציילן זיך מעשיות.

גאַנץ אָפט, אין די פאַרנאַכטן פון הייסע זומער־טעג, פירט דער טאַטע מיינע זיינע תלמידים פון חדר צו באָדן זיך אין אָט דעם „האַלבער" טייך. דער שפּאַציר בחבורותא מיטן טאַטן בראש און דאָס באָדן זיך און פאַרברענגעןביים זונען־אונטערגאַנג, האָט געהאַט אַ באַזונדער חן און פאַרגעניגן.

אין די שבת־טעג האָב איך ליב צו שטיין ביים ברעג טייך און אַריינקוקן אין זיין וואַסער־שפּיגל. עס ווינקען צו מיר טונקל־מיסטיש די רעפלעקסיעס פון די איבערגעקערטע ווייסע ברעזאַ־זעס און די צעוואָרפענע צווייגן פון די הושענא־ביימלעך. מיין אייגענע קאָפּ־אַראָפּיקע רעפלעקסיע זעט אויס ווי איינגעפלאַנצט אין תהום, צונויפגעוואַקסן מיט די ביימער.

כ'האָב ליב אָוועקצושטעלן זיך אין דער הויך אויפן בריק, וואָס ליגט איבערן טייך און פון דאָרט אַראָפּקוקן צום וואַסער. כ'שפּאַר מיך אָן אָן דער הילצערנער פאַרענטש און קוק אויפן מעכטיקן וואַסער־שטראָם, וואָס פאַלט אַראָפּ מיט אַ ווילדן גערויש פון די אויבערשטע באַלקנס אונטערן בריק אין טייך אַריין. עס שלאָגט אויף אַ דיקער וואַסער־שוים. נאָכדעם ווערט עס צוקלאַפּט אין כוואַליעס, וואָס טראָגן זיך ווייט־ווייט אַוועק. שטונדן־לאַנג קען איך צוקוקן צו דער וואַסער־וואַקכאַנאַליע און צוהערן זיך צום געמורמל פון די כוואַליעס. מיין קינדיש האַרץ כוואַליעט בעת־מעשה אויך אין מיר, ברומט און מורמלט.

גאָר פּלוצים כאַפּט מיך אָפּט אָן אַ שוידער און כ'ציטער איינגאַנצן אויף. ס'דוכט זיך מיר, אַז פון טייך קוקן אויף מיר אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס זענען מיר אַזוי גוט באַקאַנט

געווען און וואָס כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט. דאָס זענען דאָך די אויגן פון יענקל כּאַשע־רחל׳ס, ראובן דעם גאַרבער׳ס זון, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן דאָ אין דעם „האַלבער״ טייך. ס׳דוכט זיך מיר, ווי די אויגן וואַנדערן דאָ אַרום, און מיט אַ ווייטאָגדיקן אומעט קלאָגן זיי אָן דעם טייך, וואָס האָט אַוועקגערויבט דאָס לעבן פון זייער ליב־האַרציקן יענקל.

פופצן יאָר האָט יענקל פאַרבראַכט אויף דער וועלט. פון נאַטור געווען אַזאַ זויבערער און ציכטיקער, אַזאַ פריילעכער און לוסטיקער. מיט האַרציקער פרייד האָט ער אנטייל גענומען אין די אַלע קינדער־שפּילן, אין וועלכע מיר, די מיכאַלישקער אינגלעך, האָבן זיך געשפּילט. יענקל איז ביי אונדז געווען דער אָנפירער און עלטסטער.

און אַ הויפּט־קינסטלער איז יענקל געווען אין אויסשניידן פון פּילפּאַרביקע פּאַפּירן סאַקוועס און פייגעלעך פאַר שבועות, און מאַכן לאַמטערנעס אויף שמחת־תורה, אויף צו אויפהענגען זיי אין דער מיכאַלישקער שול. די לאַמטערנעס האָט ער געמאַכט פון די גרויסע קירבעסן, וואָס זענען געוואַקסן אין זייער גרינס־גאָרטן לעבן דער קליינער אָזערע. זיינע לאַמטערנעס האָבן אַ שם געהאַט. אַלע מיכאַלישקער האָבן יענקלען זייער ליב געהאַט.

איך, וואָס כ׳בין געווען פיל אינגער פון יענקלען, האָב אים באַזונדער ליב געהאַט. מיט גרויס פאַרגעניגן האָב איך צוגעקוקט ווי ער שניידט אויס פון די קירבעסן לאַמטערנעס. כ׳האָב געקענט שטיין שטונדן־לאַנג אין דער גרויסער סטאַדאָלע פון זייער הויז און צוקוקן זיך ווי ער אַרבעט. יענקלס פּנים האָט אויסגעדריקט ענערגיע און גרויס חשק צו דער אַרבעט. זיינע טיפע שוואַרצע אויגן האָבן געשטראַלט. אַ זיסקייט איז געווען אין זיין ריידן, און אין מיטן פון זיין רעכטער באַק האָט געלויכטן אַ חן־גריבעלע.

און פּלוצים איז דער אומגליק געשען. אַ פרייטאג נאָכמיטאָג, זומער־צייט, איז גאַנץ מיכאַלישאָק אויפגעציטערט געוואָרן, דער־ווּיסנדיק זיך, אַז יענקל איז דערטרונקען געוואָרן באָדנדיק זיך אין דעם „האַלבער" טייך.

מ׳האָט דערציילט: אַ לאַנגע צייט האָט זיך יענקל געראַנגלט מיט די כוואַליעס. עטלעכע מאָל האָבן זיך זיינע הענט באַוויזן איבערן וואַסער, ווי זיי וואָלטן הילף געזוכט. די חברים האָבן זיך געלאָזט שווימען צו ראַטעווען אים, נאָר די בייזע כוואַליעס האָבן אים פאַרשלעפּט און פאַרשלונגען.

אַ היפּשע צייט האָבן די האַלבער פישערס אַרומגעזוכט יענקלס קערפּער, ביז זיי האָבן אים געפונען. פאַרנאַכט צו ליכט־צינדן, — ווען יענקל פלעגט אין דער צייט שטענדיק טראָגן דאָס פלעשל ווייַן אויף קידוש און הבדלה אין מיכאַלישקער שול — (ס׳איז געווען א חזקה ביי ראובן דעם גאַרבער), האָט מען אויף אַ וואָגן געבראַכט צו פירן דעם דערטרונקענעם יענקל צו דער אומגליק־לעכער מאַמען אַ היים.

זונטיק פרי איז אַרויס גאַנץ מיכאַלישאָק, גרויס און קליין, צו אָפּגעבן יענקלען דעם לעצטן כבוד, באַלייטן אים צו זיין אייביקער היים אויפן בית־עלמין.

האַרצרייסנדיקע געוויינען און יללות האָבן זיך געהערט ביי דער לויה. אַ שווערער טרויער האָט אַלעמען איינגעהילט. אָבער מער ווי ס׳האָבן געטרויערט די דערוואַקסענע האָבן מיר, זיינע חברים, געטרויערט אויף זיין טויט. מיר האָבן געפילט וואָס פאַראַ שווערע פאַרלוסט מיר האָבן געליטן מיטן טויט פון אונדזער ליבן יענקלען, וואָס האָט אין אונדזער לעבן אריינגעבראַכט אַזוי פיל שיינעם אינהאַלט און פרייד.

פון יענעם שרעקלעכן פרייטאָג האָט זיך אין מיין האַרץ באַזעצט אויף אַ מורא פאַר דעם „האַלבער" טייך.

און ווען שטייענדיק אויפן בריק, שבת, דערזע איך פּלוצים יענקלס טרויעריקע אויגן, כאַפּט מיך אָן אַ ציטער. זיפצן רייסן זיך ביי מיר פון האַרצן. איך ווער טרויעריק און דערשלאָגן. איך פאַרלאָז אויף גיך דעם „האַלבער" טייך. כ׳גיי שנעל צוריק און זוך אַ רעטונג פון מיין געדריקטער שטימונג אונטער „אברהם אבינו׳ס בוים".

איך ליג ווידער אין די ווייכע גראָזן. באַטראַכט ווידער גאָטס שיינע וועלט. די צויבער־בילדער באַרואיקן מיין צערוישטן גע־מיט. איך פאַרטראַכט זיך און חלום — אויף דער וואַך — זיסע קינדער־חלומות.

פּינסק, ווינטער 1917.

▼

די קאַלטע שול

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין ליבן תלמיד, דער קדוש שאול פרידשטיין, הי״ד.

העכער פון אַלע הייזער אַרום, און העכער פון אַלע שולן, בתי־מדרשים און קלויזן אויפן שול־הויף, איז געווען דער בנין פון דער קאַלטער שול.

אַ גרויסער, רחבות׳דיקער בנין איז עס געווען, מיט אונטער־שטיבלעך און אויבערשטיבלעך.

די קאַלטע־שול איז געווען אַנדערש פון די איבעריקע שולן אין שטאָט, סיי מיטן אויסערלעכן אויסזען און סיי מיט איר אינעווייניקסטער געשטאַלט.

די קאַלטע־שול האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע שולן אויך מיט געוויסע ספּעציעלע מנהגים, וואָס זענען דאָרט געווען איינגעפירט.

אַ געמויערטער בנין פון נאָענט צו דריי שטאָק די הויך איז געווען די קאַלטע־שול. די ווענט פון דרויסן זענען אויך געווען געטאַרקעוועט און אָפּגעפאַרבט מיט אַ גאָלדיק־געלבלעכן פאַרב. די מזרח־און־צפון־ווענט זיינען פון דרויסן געווען געשטיצט פון מאַסיוו־פעסטע געמויערטע זיילן, ברייטערע פון אונטן ביי דער ערד, און שמעלערע אין דער הויך ביי די קאַרניזן.

די זיילן האָבן דער קאַלטער־שול צוגעגעבן דאָס אויסזען פון אַ פעסטונג.

צווישן אָט די זיילן האָבן זיך געפונען די פענצטער, וואָס האָבן פאַרנומען מער ווי העלפט פון דער הויך פון די ווענט. יעדע פענצטער איז באַשטאַנען פון אַ גאַנצער נעץ פון דינע צינענע רעמלעך, אין וועלכע שמאָלע, לאַנגלעכע שייבלעך זענען געווען אַריינגעשטעלט. די שייבעלעך זענען געווען פון רויטע,

ברוינע, בלויע און גרינע קאַלירן. און ווען די שטראַלן פון דער זון האָבן זיי באַרירט, האָט זייער אָפּשיין, — אויסזעענדיק ווי אַ דינער שטויב, דורכגעזיפּט דורך אַ פיל־קאָלירטער זיפּ, — שע־מערירט אין חלל פון דער שול, און פאַרכאַפּט און דערקוויקט דאָס אויג מיטן רעגנבויגנדיקן גלאַנץ.

אַזעלכע קאָלירטע שייבעלעך, נאָר האַלב־דורכזיכטיקע, זענען געווען אַריינגעשטעלט אויך אין די טאָפּלטע טירן פון גרויסן, לאַנגן פּאַליש פון דער קאַלטער שול.

אויף די אויבערשטידלעך פון די פענצטער, האָבן פייגעלעך זייערע נעסטן געבויט, און פויגל־געזאַנג און צווישטשעריי האָט מען שטענדיק געהערט ביים דאַווענען אין שול.

אויפן שפּיץ פון גרויסן משופּע׳דיקן דאַך, אויף זיין סאַמע מיטן, איז געווען ארויפגעזעצט נאָך אַ קליין דעכעלע, ווי אַ מין פּירקאַנטיקע יאַרמלקע מיט פאַרשפּיצטע ברעגן ביי די זייטן.

אָט דער אויבערשטער דעכל האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי א מין „הר־ההר״ פון חומש, און אַזוי האָב איך אים געוויינטלעך גערופן אין מיין דמיון.

* * *

צוויי טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט פון פּאַליש אין שול אריין, מקיים צו זיין דעם פּסוק אין תהלים: „ממעמקים קראתיך ה׳״ (פון די טיפענישן רוף איך דיך, גאָט *).

אויף דער מזרח־וואַנט, פוןביידע זייטן ארון־קודש, זענען געווען אויסגעמאָלט פון אַ קינסטלער־האַנט צוויי ריזיקע ביימער: אַ בוים אויף אַ זייט.

פון די צווייגן זענען געווען סקולפּטאָריש אויסגעקנאָטן הענג־לעך פרוכט, אויסגעפאַרבטע אין גאָלד־קאָליר.

---

*) די איבערזעצונג פון די פּסוקים איז לויטן תרגום יהואש.

אויפן שפּיץ פון יעדן בוים איז געווען אויסגעמאָלן אַ בושאָל שטייענדיק אין זיין נעסט אויף איין פוס. די פייגעל האָבן אויס־געזען נאַטירלעך, לעבעדיק.

ווען כ׳פלעג קוקן אויף די ביימער, האָב איך אָפט געטראַכט: וואָס האָט באַוועגט דעם אומבאַקאַנטן קינסטלער צו אויפמאָלן אויף די ווענט פון דער קאַלטער־שול אַזעלכע מיני געמעלן? האָט ער אין זינען געהאַט דעם פּסוק אין „ברכי נפשי״ „חסידה ברושים ביתה״? (דער שטאָרך, זיין הויז זענען ציפּרעסן) אָדער אפשר האָט יענער קינסטלער גענומען פאַר אַ מוסטער פאַר זיינע געמעלן די אַלטע ריזן־ביימער פון „האַלבע״, פירשט ראַדזיווילס פּולוואַראַק. — וואוהין די ניעסוויזשער אידן פלעגן שבת גיין שפּאַצירן? אויף זייערע שפּיצן האָבן גענעסטלט די באָטשאַנעס, וואָס לויט זייער אָנקומען אין אונדזער קאַנט און לויט זייער אַוועקפליען האָבן מיר געוואוסט די צייטן פון יאָר, ווען ס׳ווערט ווארים און ווען ס׳ווערט קאַלט.

אין צענטער פונם געוועלבטן סופיט פון דער קאַלטער־שול, איז געווען אויסגעמאָלט אַ ריזיק־גרויסער פיש, אויסגעדרייט ווי אַ בייגל, וואָס האָט געהאַלטן זיין שפּיץ עק אין מויל.

ווען איך בין אַ קליין קינד געווען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער לויתן, וואָס האַלט זיין עק צווישן די ציינער. און אויב ער זאָל חלילה אויף איין רגע׳לע ארויסלאָזן דעם עק, וועט די גאַנצע וועלט פאַרפלייצט ווערן און חרב־ונחרב־ווערן. פלעג איך דעריבער תמיד ווען כ׳בין געווען אין דער קאַלטער שול, אַרויפ־קוקן יעדע ווילע צום „לויתן״, צו זען אויב ע׳ר האַלט דעם עק פעסט צווישן די ציינער. כ׳האָב זיך שטענדיק געשראָקן טאָמער וועט ער חלילה וחס אַרויסלאָזן דעם עק פון מויל. דעמאָלט וועלן דאָך די וואַסערן פון ים, דאָס הייסט, פון ניישטאָטער טייך, תיכף ומיד פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט, — די הייזער פון שטאָט מיטן

מאַרק, מיט די קראָמען, דעם שול־הויף, און וועט, די שעה זאָל ניט זיין, חרב מאַכן אַלע שולן און אויך אָט די קאַלטע שול, וואו איך שטיי דאָרט איצט.

צום ארון־קודש איז מען אַרויפגעגאַנגען אויף זיבן טרעפּ.

ווען מען האָט אַ צי געטאָן דעם פּרוכת און דער ארון־קודש האָט זיך געעפנט, האָט זיך דערהערט אַ דין איידעלער געקלאַנג פון גלעקעלעך. זיי האָבן זיך געפונען, די גלעקעלעך, אין די שנעבעלעך פון קליינינקע גאָלדערנע פייגעלעך, וואָס זענען געווען צוגעפּעסטיקט ביי די ראַנדן פון דינע קופּערנע שטענגלעך איבער די טירן פון ארון־קודש. דער זיסער געקלאַנג האָט דערמאָנט אָן דעם פּסוק „ונשמע קולו בבואו אל הקודש". (און דער קול דערפון זאָל זיך הערן ווען ער קומט אַריין אין הייליקטום.)

די הויכע בימה פון דער קאַלטער שול האָט פון אויבן געהאַט אַ „יאַרמלקע" — אַ האַלב־קיילעכדיקע חופּה, אויסגעפלאָכטן ווי אַ נעץ פון דינע קופּערנע פּרענטלעך, דורכגעצויגענע דורך הילצערנע קיילעכלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מילגרוימלעך.

איבער אָט דער חופּה, אין סאַמע צענטער, איז אויף אַ געשטעל געשטאַנען אַ גרויסער שוואַרצער בושאָל מיט צושפּרייטע פליגלען, — אַ פּראַכטפול סקולפּטאַרישע שאַפונג.

פון דעם בושאָל'ס שנאָבל איז אַראָפּגעהאַנגען אַ ריזיקער קוכן. אָט דער קוכן האָט געדינט פאַר אַן ערוב־תבשילין פאַר די אידן פון שטעטל.

איטשע דוד־וועלוולס, דער בעקער, האָט זיך עס ספּעציאַליזירט אויף אויסבאַקן אָט דעם עוג־מלך־הבשנדיקן קוכן. אויף אַ פּאָר צענדליק אייער איז ער געווען פאַרקנאַטן און געבאַקן.

ערב פּסח פלעגט מען אַרויפקריכן אויף אַ הויכן טאָפּלטן לייטער און אַרויסנעמען דעם קוכן פון דעם בושאָלס שנאָבל.

משה דער שול־קלאַפּער, דער שמש פון דער קאַלטער־שול,

פלעגט דעם קוכן אַרומשטויבן און אַרומווישן, אים צושניידן אויף שטיקער, איינטיילן מיט זיי זיין הויזגעזינד און גוטע ברידער און פראַוועז אויף אַ ביסל משקה די לעצטע חמץ־סעודה.

באַלד נאָך פסח האָט מען מיט גרויס פייערלעכקייט אויפגעהאָנגען אויפן שנאָבל פון בושאָל אַן אַנדער אויסטערליש גרויסן קוכן, אַ פריש־אויסגעבאַקענעם אין איטשע דוד־וועלוולס בעקער־אויוון.

אין צפון־מערב׳דיקן ווינקל פון שול איז געווען אויסגעפורעמט אַ פּיצינקע שטיבעלע, שוואַרץ אָפּגעפּאַרבט. אין דעם מיניאַטור שטיבעלע האָט טאָג און נאַכט געבלינצלט אַ פייער־פלעמל אין אַ קליין לעמפל. דאָס איז געווען דער נר־תמיד, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן.

פון דרום־זייט האָבן זיך געפונען צוויי גרויסע ווייבערישע שולן, איינע איבער דער אַנדערער, און פון מערב־זייט, האָט זיך איבער אַ העלפט פון גרויסן פּאָליש געפונען די דריטע ווייבערשע שול.

אין דרום׳דיקן עק פון פּאָליש איז געווען דאָס גרויסע קהל־שטיבל, וואָס האָט געדינט אַ גאַנצע וואָך ווי א בית־מדרש, וואו מ׳האָט געדאַוונט און געלערנט.

אין אָט דעם קהל־שטיבל זענען אָפט פאָרגעקומען שטורעמדיקע אסיפות, און דאָרט זענען עס באַשלאָסן געוואָרן די וויכטיקסטע ענינים פאַרן וואוילזיין פון די איינוואוינער פון שטעטל.

איבערן קהל־שטיבל האָט זיך געפונען דאָס פרושים־שטיבל, וואו ותיקין־מתפללים האָבן געדאַוונט יעדן אין דער פרי מיטן זון־אויפגאַנג צוגלייך.

* * *

די קאַלטע־שול איז געווען פאַררעכנט פאַר דער שטאָט־שול.

פון פסח ביז ראש־השנה האָט דער רב פון שטאָט דאָרט גע־דאַוונט אין די שבתים און ימים טובים. (אין די זומערדיקע וואָך־טעג

און אַ גאַנצן ווינטער, האָט דער רב געדאַוונט אין אַלטן בית־המדרש, וואו דאָס רוב לומדים פון שטעטל האָבן געדאַוונט).

ווען ס'האָט געטראָפן, און אַ חזן איז געקומען קיין ניעסוויזש מיט זיינע משוררים, האָט ער געדאַוונט שבת אָדער אַ וואָכעדיקן מעריב אין דער קאַלטער־שול.

איז קיין ניעסוויזש געקומען אַ באַוואוסטער „מטיף לאומי", האָט ער אויף דער בימה פון דער קאַלטער־שול געהאַלטן זיינע פלאַמענדיקע דרשות און געשאַפן אַנהענגער פאַרן נאַציאָנאַלן געדאַנק און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען א „פייערטאג" איז אויסגעפאַלן, אַן אזוי גערופענער „טאָבעלנער טאָג" ווי למשל „קרינאַציע" אָדער דעם קיסר'ס געבורטס־טאָג", פלעגט זיך דער עולם אידן פאַרזאַמלען אין דער קאַלטער־שול. אהין זענען אויך געקומען די קאָמאַנדירן פון דער 40טער אַרטי־לעריע־בריגאַדע, וואָס האָט זיך געפונען אין די גרויסע ניעסוויזשער קאַזאַרמעס. דאָרט אין שול איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אַ פייערלעכער „גאָטעס־דינסט". דער שטאָט־חזן האָט געזונגען „הנותן תשועה" און די שילער פון דער „נאַראָדנע" מיט זייערע לערער האָבן געזונגען הימנעס און רוסישע נאַציאָנאַלע לידער.

ווען ס'פלעגט אַמאָל טרעפן און דער מינסקער גובערנאַטאָר פלעגט אַראָפּקומען קיין ניעסוויזש, האָבן די אידן פון שטעטל אים געגעבן אַ פייערלעכן קבלת־פנים אין דער קאַלטער־שול. אַהין זענען דאַן געקומען דער „איספּראַווניק" מיטן „נאַדזיראַטעל", דער שטאָט „גאָלאָווא" און אַלע שרייבער פון דער „דומע". לכבוד דעם געהויבענעם גאַסט פלעגט דאַן אויך קומען צופאָרן פון סלוצק דער ראַבינער און האַלטן אַ היפּער־פּאַטריאָטישע דרשה.

דער חלל פון דער קאַלטער־שול האָט פון צייט צו צייט אויפגענומען אויך טרויעריקע געשעענישן.

ווען דער רב פון שטאָט, אָדער איינער פון די גאָר חשובע בעלי־בתים, איז נפטר געוואָרן, פלעגט מען צו שלושים אויף זיי מאַכן הספדים אין דער קאַלטער־שול.

ווען ס׳האָט זיך געטראָפן א הונגער־יאָר, ווען ס׳זענען ביט געגאַנגען געגנוג רעגנס און די תבואות אויף די פעלדער זענען פאַרברענט געוואָרן פון טרוקעניש, און די מעל־סוחרים, די „פערעמאָלניקעס" פלעגן אַרויספירן מעל פון שטעטל, און דורכדעם אַרויפשרויפן די פרייזן נאָך העכער, — אָדער, ווען מ׳פלעגט צומאָל אריינפירן אין ניעסוויזש „שחיטת חוץ" (פלייש פון אַנדערע שטעטלעך), און שעדיקן דורך דעם די הכנסה פון „קאַראָבקע".

אין אַזעלכע פאַלן איז געשען, אַז דער בית־דין, דער רב מיט די דיינים, אין הסכם מיט די מנהיגים פון שטעטל, פלעגן באַשליסן צו אויסרופן אַ חרם, — האָט מען „דאָס אויסרופן פון חרם" דורכגעפירט, מיט דער גאַנצער צופּנדיקער אימה׳דיקייט, אין דער קאַלטער־שול. דאָרט האָט מען אָנגעצונדען די שוואַרצע ליכט; דאָרט האָט מען געזאָגט פסוק נאָך פסוק די „אָנגענומענע" קאַפּיטלעך תהלים, וואָס אין זיי ווערט אויסגעגאָסן גאָט׳ס צאָרן און קללה אויף די פאַרברעכער. דאָרט האָט דער רב געהאַלטן אַ שטאַרקע מוסר־דרשה, וואָס האָט געבייטשט און געברענט די בעלי־עברה. דאָרט האָט מען געבלאָזן שופר, און דאָרט האָט מען געהערט פון די דריי ווייבערשע שולן יאָמער־קולות און ביטערע יללות.

אין די „דריי וואָכן", פון שבעה־עשר בתמוז ביז תשעה באָב, — פלעגן די זקנים פון שטעטל זיך צונויפקומען מיטאָג־צייט אין דער קאַלטער־שול „אָפּריכטן חצות" צו טרויערן אויפן חורבן בית־המקדש און גאָט בעטן פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל.

* * *

דער שמש פון דער קאַלטער־שול האָט זיך גערעכנט פאַרן שטאָט־שמש. זיין פליכט איז געווען צו גיין פאַרבעטן די אידן פון

שטעטל צו אַלערליי שמחות, ווי צו אַ ברית־מילה, צו אַ תנאים און צו אַ חתונה.

אין איינער פון די שול־קעמערלעך זענען געלעגן די צוויי ברוינע לעדערנע קישעלעך, וואָס האָבן געדינט אַלס אויסבעט פאַרן „כסא של אליהו הנביא״. ווען ס׳איז געווען אַ ברית אין שטעטל, האָט משה דער שול־קלאַפּער געטראָגן אָט די קישעלעך מיט אַ באַזונדער פייערלעכקייט צום הויז פון בעל־ברית.

אין דער זעלבער קעמערל האָט זיך אויך געפונען די חופה. ביים אַריינגאַנג פון דער קאַלטער שול זענען געשטעלט געוואָרן כמעט אַלע חופות.

פון אַלע עקן שטאָט, האָבן די אונטערפירער געפירט חתן־כלה צו דער קאַלטער־שול, באַגלייט פון דאָס שפּילן פון מאַטעס דעם קלעזמערס קאַפּעליע.

אַהין פלעגן מיר, קינדער פון שטעטל, זיך ציען אין די פרייטאָג־פאַרנאַכטן צו הערן חתונה־ניגונים, זיך מיטצופרייען מיט די מחותנים און מיט חתן־כלה אין זייער פריילעכן טאָג.

לעבן אַריינגאַנג פון שול, ביים אָרט וואו מ׳פלעגט שטעלן די חופה, איז געלעגן אַ גרויסער פאַרשפּיצטער שטיין.

ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע אין שטעטל, אַז אויף דעם שטיין האָט מען געשמיסן שלמה מימון, ווען ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס.

יעדעס מאָל, ווען מיין אויג איז געפאַלן אויפן שטיין, פלעג איך זיך דערמאָנען אָן אָט דער לעגענדע, און אין נאָך לעגענדעס און מעשיות וואָס מ׳האָט דערציילט אין ניעסוויזש וועגן אָט דעם אויסטערלישן, וואונדערלעכן פילאָסאָף. זיי האָבן פיל באַשעפטיקט מיין פאַנטאַזיע און געדאַנק אין די קינדער־יאָרן און אויך שפּעטער.

און דווקא אין דער קאַלטער־שול, וואו מיר, קינדער, מיט אונדזערע טאַטעס, האָבן געהערט אַזוינע זיסע תפילות פון חזנים

און געזאַנגען פון משוררים, וואו מ׳האָט געפּראַוועט אַלערליי פייערונגען, און וואָס ביי איר אַריינגאַנג האָבן מיר זיך בעתן שטעלן די חופּות געקוויקט מיט די מאַרשן און אויפשפּילן פון די כלי־זמר, — דווקא אין אָט דער קאַלטער־שול זענען די מתים געקומען דאַווענען נאַכט אין נאַכט. און ווען אונדז, קינדער, איז אויסגעקומען, גייענדיק פון „חדר״, פאַרבייצוגיין דעם פינצטערן, גרויסן בנין פון שול, האָט אונדז באַנומען א ציטערניש. די האָר האָט זיך אונדז געשטעלט קאַפּויער פון שרעק. מיר זענען איילנדיק פאַרבייגעלאָפן דעם בנין, עס זאָל אונדז חלילה, קיין שלעכטס ניט געשען. און ווען מיר זענען אַריבער בשלום, האָבן מיר געפילט אַ דערלייכטערונג, וואָס מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון אַ סכנה, וואָס ס׳האָט געלויערט אויף אונדז.

אָבער ערב־שבת, ווי נאָר משה דער שמש האָט פאַרצויגן די חופּה לעבן דער קאַלטער־שול, זענען מיר, קליינוואַרג, געווען די ערשטע ביי דער שמחה. יעדערער פון אונדז האָט געוואָלט האַלטן די חופּה־שטאַנג. מיר האָבן זיך אַלע געפילט יום־טוב׳דיק און פריילעך. אונטערטאַנצנדיק פון פרייד, האָבן מיר אויפגעכאַפּט די „אונטערפיר־מאַרשן״, וואָס האָבן זיך שוין פון דער ווייטנס גע־טראָגן פון מאטעס דעם כלי־זמר׳ס קאַפּעליע.

יעדע זאָרג איז פון אונדז אַוועק. ס׳איז פאַרגעסן און אויס־געריסן געוואָרן פון האַרצן די שרעק, וואָס מיר האָבן נעכטן ביינאַכט געפילט פאַרביילויפנדיק דעם פינצטערן בנין פון דער קאַל־טער־שול.

ווארום מיר, קליינוואַרג, האָבן דאָך באמת ניט געהאַט אין דער גאַנצער שטאָט קיין פריילעכערן אָרט, ווי דאָ, ביים אַריינגאַנג פון דער גרויסער קאַלטער־שול.

▼

דער „קול יעקב“

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מײַנע רביים, ר׳ שמחה פּאָגעלמאַן
און ר׳ שמואל דמשק, הי״ד.

בלויז אַ צען הײַזער האָבן זיך געפונען אין דער „בערנאַ־דינער“ גאַס. אין איין עק גאַס, בײַ דער ביימער־אַלייע, וואָס פירט צום „שלאָס“ פון פירשט ראַדזיוויל, האָט זיך הויך געטורעמט דער קאַטוילישער קאָסטשאָל.

אין צווייטן עק גאַס — אַ פינף־גאָרנדיקע, ברייט־צעלייגטע קאַזאַרמע, און דערבײַ, ווי געשיצט און געשטיצט דורך איר, איז געשטאַנען די גרויסע פּראַוואָסלאַוונע צערקווע.

און אין מיטן פון דער „בערנאַנדינער“ גאַס, אין צווײ שכנות־דיקע הײַזער, האָבן זיך זינט יאָרן־לאַנג געפונען צווײ „חדרים“, וואו אידישע קינדער האָבן געלערנט תורה.

אין די זונטיקס, אין דעם רו־טאָג פון די גויים, האָט זיך געלאָזט הערן מיט דער פולער קראַפט דער גרויסער פּאַרמעסט צווישן די צווײ קריסטלעכע געבעט־הײַזער. דער גלעקער־געקלאַנג האָט פאַרהילכט די לופט ווײַט־אַרום.

בום! בום! בום! בומט און קלינגט מיט שטורעם און מיט תקיפות דער גרויסער גלאָק אין דעם געוועלבטן גרינעם טורעם פון צערקווע: בײַ מיר דער כוח! בײַ מיר די גבורה! בײַ מיר דער זיג! בײַ מיר די הערשאַפט!

בום! באַם! באַם! ענטפערט אָפּ דער שווערער גלאָק פון קאָסטשאָל, ווי אויף צו להכעיס: כוח — בײַ מיר! גבורה — בײַ מיר! און זיג וועט אויך קומען!

און טאָקע באַלד צעקלינגען זיך, ווי אין אַ כאָר, די אַלע קליינע גלעקער און גלעקלעך אין שפּיציקן רויטן טורעם פון קאָסטשאָל. זיי קלינגען און רופן אויס: געגנוג כוחות, באַהאַלטענע, זענען דאָ ביים קאָסטשאָל. און זיגן וועלן מיר! טאַקע נאָר מיר!

און אין דער מיט פון דעם געבום און געקלאַנג פון די לייכט־געוויכטיקע און שווער־געוויכטיקע גלעקער, וועלכע קאָנקורירן אַזוי שטאַרק צווישן זיך, טראָגן זיך פון די צוויי חדרים די זיסע שטימעלעך פון די אידישע קינדער, לערנענדיק תורה.

זיי רוישן ניט. זיי שטורעמען ניט. זיי קלינגען אָבער די צאַרטע שטימעלעך, קלינגען און זאָגן אָן:

יעקב׳ס קול, דער קול פון תורה, ער וועט זיגן!

▼

צווישן „שלאָס" און שטעטל

דעם ליכטיקן אָנדענק פון די אצילות׳דיקע אידן און ציונים ותיקים, די קדושים, ד״ר בנימין אייזנבוד און ר׳ יואל ראָזאָווסקי, הי״ד.

א.

אָפּגעזונדערט פון תחום פון שטעטל, אויף אַ באַרג, באַוואַקסן מיט אַלטע גרינע וועלדלעך, טורעמט הויך דער „שלאָס" פון די ראַדזיוויל פירשטן.

צופוסנס פון באַרג, אין מזרח־זייט, מורמלען די כוואַליעס פון „ניישטאַטער" טייך.

אין אָט דעם טייך האָבן זיך געבאָדן ס׳רוב אידן פון ניעס־וויזש, זומער־צייט, און געגעסגעגן אַהער ראש־השנה צו „תשליך".

צופוסנס פון אַנדער זייט באַרג, אין דעם אָפּגעשלאָסענעם תחום פון פּאַלאַץ, געפינט זיך אַ פיר־קאַנטיקע אָזערע.

אָט די אָזערע האָבן אויסגעגראָבן מיט דורות צוריק מאַזאָליסטע הענט פון פאַרשקלאַפטע פויערים, „פּאַנסטשינע" קנעכט.

זי ליגט די אָזערע איינגעפּאַסט ווי אַ קלאָרער שפּיגל אין אַ ראַם פון שטיינערנע זיילן, פאַרקיילעכטע פון אויבן, דורכגעלע־כערטע, און מיט אייזערנע קייטן דורכגעצויגענע, פון אלייען שמע־קעדיקע בלוי־גרינלעכע נאָדל־ביימער און קוסטעס פּילפּאַרביקע בלומען.

אין דער גרויסער אָזערע האָבן זיך געבאָדן, געשוואומען און געשיפט די דוכסים אליין און די געהויבענע געסט, וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון מרחקים אין „שלאָס", איינגעלאַדענע צו פאַמיליע־פעסטן און פאַרוויילונגס־באַלן.

בלענדענדיק מיט זיין ווייסקייט, שיינענדיק מיט זיין קופּער־נעם דאַך, און בליצנדיק מיט די אָנצאָליקע שויבן פון די גאָטישע פענצטער, דערהויבט זיך און זעט זיך ווייט־ווייט דער טורעם פון שלאָס. מיט שטאָלץ פון פירשטלעכן יחוס, האָט ער געשפּרייט אַרום זיך לעגענדעס און מעשיות וועגן געוואַגטע אויפטוען און העלדישע קאַמפן פון דורות שררות און פּרינצן.

דער אָפּקלאַנג פון די לעגענדעס האָט דערגרייכט צו די אידן פון שטעטל, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס־מעשיות, וואָס מ׳האָט דערציילט פון דור צו דור.

מיט זיי זענען אויפגעקומען האַרצרייסנדיקע געשיכטעס וועגן אַקטן פון אוממענטשלעכער אַכזריות, וועגן שרעקלעכע מעשים־תעתועים וואָס האַלב־משוגענע פירשטן האָבן אָפּגעטאָן מיט „זייערע" אידן פון ניעסוויזש, מיט שטעטלשע גבאים און פּרנסים.

אָט די געשיכטעס, וואָס האָבן זיך געוועבט און געשפּונען אין די מיילער פון די אידן פון ניעסוויזש, וואָס טאַטעס האָבן דער־ציילט צו זייערע קינדער, האָבן ווי עדות געזאָגט, אַז אַ שטרענגע גרענעץ טיילט אָפּ דעם תחום פון שלאָס פון תחום פון שטעטל.

זיי האָבן אָבער איינצייטיק אויך פאַרוועבט דינע פאַרבינדונג־פעדים צווישן די צוויי תחום׳ען.

ב.

אין דערווירקלעכקייט האָבן עקזיסטירט צווישן די צוויי תחום׳ען אויך געוויסע ממשות׳דיקע פאַרבינדונגען.

איינמאָל אין יאָר פלעגט אַראָפּקומען פון הויף פון שלאָס צו די הייזער פון די ניעסוויזשער אידן אַ בייכיקער פּאָליאַק מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט אַ פּאָר קליינע אַש־קאָלירדיקע אויגן, אַריינגעזעצט אין אָנגעבלאָזענע פּאַמפּושקע־באַקן, ביי די זייטן פון אַ פאַריסענעם חוטם.

אין איין האַנט האָט ער געטראָגן א לאַנגן, גראָבן חשבונות־בוך, און צווישן די פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט זיך געקייקלט אַ דיקער ציגאַר.

נאָכדעם ווי ער האָט אַריינקומענדיק געלאָזט פאַלן פון מויל אַ „דזין דאָברי״, האָט ער גאַר וואַזשנע און פייערלעך אַ זאָג געטאָן דאָס הויפּט־וואָרט: „פּ ל אַ צ אָ ו ו א״!. האָט מען שוין גלייך געוואוסט, אַז דער גבאי פון דוכס איז געקומען מאָנען דעם פּלאַץ־שטייער. דער באַפעלערישער זאָג „פּ ל אַ צ אָ ו ו א״! האָט באַלד דערמאָנט, אז די הייזער פון שטאָט זיינען געבויט אויף לאַנד, וואָס איז פון דור־דורות דאָס אייגנטום פון די ראַדזיוויל פירשטן. האָבן טאַקע די אידן פון ניעסוויזש, — דאָס רוב פון זיי ביט פאַרמעגלעכע, — געמוזט צאָלן אויסער שטאָטישע און מלוכה־שטייערן אויך אַ באַזונדער פּלאַץ־שטייער צום דוכס פון שלאָס.

אַ ממשותדיקע פאַרבינדונג איז געווען דער שפּע׳דיקער פּדיון, וואָס געוויסע שטעטלשע קרעמער האָבן איינגעלייזט, ווען אין פּאַלאַץ איז געפייערט געוואָרן דער געבוירן־טאָג פון דוכס, אָדער ווען ס׳איז דאָרט פאָרגעקומען א חתונה.

ערב אַזעלכע פייערונגען זענען אין אָפּגעזונדערטן תחום פון „הויף״ פאָרגעקומען גרויסאַרטיקע צוגרייטונגען, וועלכע האָבן גע־מאַכט אַ רושם אויך אויפן תחום פון שטעטל.

די באַאַמטע, די באדינער, און די כלערליי משרתים פון „שלאָס״ האָבן דאַן פיל איינגעקויפט אין די שניט־קראָמען און אין די גאַ־לאַנטעריי־געשעפטן. זיי האָבן געבראַכט פרנסה אויך צו די שוסטער און שניידער.

אויך אַ טויטן־פאַל און א לויה פון איינעם פון דער ראַדזיוויל־פאַמיליע איז געווען אַ געשעעניש אין שלאָס, און האָט געבראַכט לייזונג צו די קרעמער.

נאָך פון די אַלטע צייטן איז געווען איינגעפירט ביי די ראַדזי־ווילס צו ברענגען צו קבורה די אָפּשטאַמלינגען פון זייער פירשט־לעכער משפחה אין דער פאַמיליע־הייל, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן אַלטאַר פון דעם פּראַכטפולן פוילישן קאָסטשאָל אין ניעסוויזש.

גרויסע קופּערנע און בראָנדזענע טרונעס מיט די „לייכעס" פון די פאַרשטאָרבענע פון דער ראַדזיוויל־פאַמיליע פלעגט מען ברענגען אפילו פון מרחקים קיין ניעסוויזש.

זיי זענען געשטאַנען אויף הויכע קאַטאַפאַלקעס, געפירט פון דריי פאָר שוואַרצע ראַסן־פערד, באַדעקטע מיט שוואַרצע טוליענע דעקעס, באַזוימטע מיט פרענדז.

די לויות, צו וועלכע עס פלעגן אָנקומען פיל הויך־געשטעל־טע פּערזאָנען, זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט פירשטלעכן פּאַ־ראַד און טראַדיציאָנעלן צערעמאָניאַל.

ג.

ס'זיינען אין ניעסוויזש געווען עטלעכע פאַמיליעס, וואָס האָבן געצויגן אַ גרויסע טייל פון זייער חיונה פון שלאָס.

צווישן זיי איז געווען די פאַמיליע פון פערלע דער בעקערקע. פערלע האָט געבאַקן קאָרענע, האַלב־שיטנע און שיטנעצע ברויטן פאַרן „שלאָס".

כ'בין געווען אַן אפטער איינגייער אין הויז פון אָט דער גוט־האַרציקער אשת־חיל, פערלע. אירע איניקלעך זיינען געווען מיינע גוטע חברים. זיי, די חברים מיינע, האָבן עס מערסטנס אָוועקגעטראָגן אָדער אָוועקגעפירט די ברויטן אין שלאָס.

נישט איינמאָל בין איך מיט זיי מיטגעגאַנגען, געהאָלפן זיי טראָגן די פרישע לאַבנס ברויט, כדי כ'זאָל קענען אין זייער זכות אַריינקומען אין תחום פון „שלאָס", שפּאַצירן מיט זיי אין דער

האַלב־טונקעלער, קילער אַלייע פון די גיגאַנטישע דעמבעס, וואָס האָט געפירט צום הויף פון פּאַלאַץ.

כ׳בין געווען זייער נייגעריק צו זען פון דער נאָענט וואָס ס׳טוט זיך אין אָט דעם אָפּגעשלאָסענעם תחום, וואו אַ פוס פון אַ פרעמדן האָט ניט געטאָרט אַריינטרעטן. דער טויער־היטער, אָנגעטאָן אין אַ גרינעם יוניפאָרם, האָט זיך שטענדיק געפונען ביי דער שמאָלער טיר פון זיין מיניאַטורנער, שיין־געמויערטער וואַך־שטיבל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער רעכטער זייט פון אייזערנעם טויער. ער האָט גוט אַכטונג געגעבן אַז קיין ניט־געבעטענע זאָלן אַהין ניט אַריינקומען. מיין קינדיש־האַרץ, — ווי די הערצער פון די אַנדערע קינדער — האָט דווקא געצויגן אַהער צוליב די אַלע שיינע זאַכן, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעהערט וועגן שלאָס, און צו וועלכע אונדזער רייכע פאַנטאַזיע האָט נאָך צוגעגעבן פיל אייגנס.

אמת, מיין נייגעריקייט איז ניט באַפרידיקט געוואָרן אינגאַנצן. דאָס, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין די זאַלן פון פּאַלאַץ, האָב איך קיינמאָל ניט געזען. אָבער דאָס ביסל, וואָס כ׳האָב געזען אַרום הויף פון שלאָס, האָט מיר פאַרשאַפט גרויס הנאה. כ׳האָב מיינע אויגן געזעטיקט מיט די שיינע ביימער־אַלייען אַרום דער אָזערע, וואָס האָבן געשפּרייט אַזאַ דערקוויקנדיקן שאָטן. כ׳האָב אָנגעקוקט מיט גרויס אַנטציקונג די בונטע בלומען־בייטן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי די זייטן פון אַלע וועגן און שטעגן. כ׳האָב באַוואונדערט די עקזאָטישע פלאַנצן און די לולבים־ביימער, וואָס זיינען גע־וואַקסן אין גרויסע, גרינע צעבערס אין די גלעזערנע זון־הייזער.

כ׳האָב מיך ניט געקענט גענוג אָנקוקן אין דעם גרינס־גאָרטן. דער גאָרטן האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע פּירקאַנטיקע דאַמקע־ברעט, איינגעטיילט אין בייטן־קעסטעלעך, — אַ בייט פאַר יעדן מין. ביי יעדע בייט אַ דין שטעקל מיט אַ קאַרטל, אויף וועלכער דער נאָמען פון געוויקס איז אויפגעשריבן.

דעם גרעסטן פאַרגעניגן האָט מיר אָבער פאַרשאַפט דער עופות־הויף, פון די אַלע אַנדערע עופות און מיני פייגל, וואָס כ׳האָב דאָרטן געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, האָבן מיך באַזונדערס צוגעצויגן עטלעכע פיצעניאַנטשינקע הענדעלעך, אַזעלכע גלאַנציק־שוואַרצינקע און חנ׳עוודיק־באַטעמטע, וועלכע מ׳האָט גערופן „יאַ־פאַנישע הענדעלעך״. און דאָרטן אין דעם עופות־הויף פון שלאָס, האָט זיך צו מיר באַוויזן נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן, מיט איר גאַנצן גלאַנץ און פראַכט, די שטאָלטנע פּאַווע. מיין האַרץ האָט מיר באַלד אונטערגעזאָגט, אַז דאָס מוז זיין די „גילדענע פּאַווע״, וועגן וועלכער מיין עלטערע שוועסטער האָט געזונגען אַזאַ זיס־טרויע־ריקע ליד, וואָס האָט צענומען די נשמה. ווי אַ מלכּה האָט די פּאַווע אַרומגעשפּאַצירט אין דעם עופות־הויף, מיט אָפּגעוואויגענע און אָפּגעמאָסטענע טריטעלעך. און גאָר פּלוצים, ווי דורך כּישוף, גיט זי אַ שטעל אויף און אַ צעשפּרייט איר לאַנגן עק ווי אַ מין אויסגעחלום׳טן פעכער. זי באַצויבערט מיך און מיינע חברים מיט דער פיל־פאַרביקער רייכקייט פון אירע פעדערן, וואָס אַלע רעגנ־בויגן קאָלירן שפּילן זיך אין זיי, און מיט די גילדענע פּינטעלעך און שפּריצעלעך, וואָס גיבן זיי צו אַ באַזונדער שיין און גלאַנץ. מיר שטייען אַלע אַזוי באַצויבערט און צערוישט און ציען איינער דעם אַנדערן פאַר די אַרבל פון גרויס איבעראַשונג. אונדזערע מיילער, פול מיט אויסגעשרייען פון התפּעלות, און אונדזערע ברייט־צעעפנטע אויגן קענען זיך ניט אָנקוקן אויף דעם צויבער־פּראַכט. נאָר גאָר אומגעריכט טוט די פּאַווע אַ נעם־צונויף און אַ פאַרמאַך איר פאָכער־עק, ווי זי וואָלט זיך ניט פאַרגינען אויסצוברענגען אויף אונדז פאַר איינמאָל איר גאַנצן גאָלד און אוצר פון שיינקייט.

און מיר בלייבן שטיין געפּלעפטע קעגן דער אָפּגעטעקלטער מלכּה, מיט אויסגעלופטע אויגן און מיט ברייט־צעעפנטע מיילער, וואָס קענען אַ וואָרט ניט אַרויסרעדן.

ד.

מיט פיל חידושים, וואָס שטאַמען פון די מערב־איראָפּעאישע מקומות, און מיט א סך וואונדערלעכע זאַכן, וואָס זענען דערפונדען געוואָרן אין די מרחקים, האָבן זיך אונדזערע שטעטלשע אידן באַקענט צוליב די ראַדזיוויל־פירשטן, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט אַראָפּקומען אין זייער ניעסוויזשער שלאָס.

איינע פון די וואונדער־זאַכן איז געווען דער אַטאָמאָביל, אין וועלכן דער דוכס איז אין אַ געוויסן זומער געקומען צופאָרן. דער אַטאָמאָביל האָט זיך אַזוי איבערראַשנדיק־אומדערוואַרטעט באַוויזן אין די גאַסן פון ניעסוויזש מיט אַ בלאָזעניש און טרומייטעריי, אַז ס׳האָט אַלעמען איבערגעשראָקן.

אָט דער „וואָגן אָן פערד״ איז געווען אן אומגלויבלעכע דער־שיינונג אפילו פאַר די ניעסוויזשער אידן, וועלכע זיינען שוין געווען געוואוינט צו דוכסישע בייז־וואונדער און איבערראַשונגען. פילע פון המון־עם האָבן עס אָנגענומען ווי אַ מין קונץ, וואָס ווערט געמאַכט דורך כישוף אָדער דורך אויגן־פאַרבלענדעניש.

אָבער נאָך גרעסער ווי ס׳איז געווען די באַוואונדערונג פון דעם „וואָגן אָן פערד״, איז געווען די איבערראַשונג, ווען מ׳האָט דערזען דעם נעגער, דעם שאָפער פון דעם אַטאָמאָביל, מיט וועלכן דער פירשט ראַדזיוויל איז געקומען צו פאָרן.

אָט דער שוואַרץ־הויטיקער, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו אונדז אין ניעסוויזש אַזוי אומגעריכט, האָט ממש אָנגעמאַכט אַ מהומה אין שטעטל. איבערהויפּט זיינען געווען צעשראָקן די פשוטע, תמימות׳דיקע אידענעס. ווען מ׳האָט דערזען דעם נעגער אין די גאַסן, האָבן די ווייבער באַלד פאַרמאַכט די פענצטער, אַראָפּגעלאָזט די פאָרהאַנ־גען און פאַרריגלט די טירן.

די טראַגעדיקע ווייבער האָט מען אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צו צוגיין צו די פענצטער, ווארום, טאָמער, חלילה, וועלן זיי זיך אויף „אים" פאַרקוקן, וועלן זיי, די שעה זאָל ניט זיין, געבוירן אַזעלכע שוואַרץ־הויטיקע ווי „ער".

די חדר־אינגלעך האָבן די מאַמעס אויך שטרענג אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך „אָט אויף יענעם" ניט איינקוקן, ווארום זיי וועלן זיכער פאַרגעסן דאָס לערנען.

אבער איז דען דאָ אַ זאַך, וואָס קינדער־נייגער קען קעגן דעם ביישטיין? איז טאַקע ווי נאָר דער נעגער האָט זיך באַוויזן ערגעץ אין אַ שענק, האָבן באַלד חברה אינגלעך באַלאַגערט דאָס הויז, אריינגעבראָכן זיך אין די טירן, אָנגעהאָנגען זיך ביי די פענצטער, צו כאַפּן אַ קוק אויפן וואונדערלעך־אויסטערלישן משרת פון דעם דוכס. אויף מאָרגן, ווען זיי זיינען געקומען אין חדר, האָבן זיי דערציילט זייערע חברים בסודי־סודות, אַז זיי האָבן „אים" געזען.

איינער האָט דערציילט, אַז „ער" זעט אויס פּונקט ווי איטשע דער קוימן־קערער און אַז ער טראָגט פּונקט ווי איטשע אַ צילינ־דער אויפן קאָפּ.

דער צווייטער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט דעם שוואַר־צן משרת לאַכן מיט אַ ווילדן געלעכטער, און ווען ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָבן פון דאָרט אַרויסגעשיינט דריי גרויסע גאָלדערנע ציין.

אַ דריטער האָט „אַנטדעקט", אַז דער משרת האָט בלויז איין אויג אין קאָפּ.

און איינער אַ אינגל, וואָס די פאַנטאַזיע האָט זיך ביי אים שטאַרק צעשפּילט, האָט זיך געשוואָרן ביי זיין לעבן, אַז ער האָט אַליין געזען, אַז אַ האָרן וואַקסט ביים משרת אויפן שטערן.

* * *

צווישן די „חקרנים" אין די בתי־מדרשים זענען יענעם זומער פאַרגעקומען שאַרפע, היציקע וויכוחים וועגן דאָס אָפּשטאַם־אָרט פון אָט דעם נעגער.

איבערהויפּט האָט מען זיך געאַמפּערט איבער דעם חידוש, וואָס ס'האָט מחדש געווען אין דעם ענין דער הויפּט־חקרן, ראובן דער „פילאָסאָף" פון מאַרק־שול.

אָט דער ראובן, דער בכור פון די דריי הויך־געוויקסיקע, ברייט־פּלייציקע ברידער, וואָס האָבן געוואוינט אויפן מאַרק, איז געווען באמת אַ טשיקאַווער איד.

אין גאַס פלעגט ער אַרומשפּאַצירן פילאָסאָפיש־געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריט. אויך די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט, זיינען אַרויס פון זיין מויל אַזוי געלאַסן, איינס ביי איינס, ווי ער וואָלט געציילט רענדלעך. און ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס „וואָגיקס", האָט זיך גלייך באַוויזן אַ דין שמייכעלע אין זיינע בלויע אויגן, און אַראָפּגעקייקלט זיך אין די שיווע וואָנצעס און צעקודלטער באָרד. אָט דאָס שמייכעלע האָט באַטייט: ווילסטו, האָב איך דאָ איצטער אַרויסגעזאָגט אַ גרויסע חכמה; און אַז דו ווילסט, האָב איך זיך איצט בלויז אַ שפּיל געטאָן מיט אַ חכמה'לע.

ווינטער־צייט האָט ראובן געטראָגן אַן אַלט־פרענקישן קאָליר־לאָזן פוטער מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער האַלבער־פּעלערינע. ער פלעגט זיך אָפּט אַרומטראָגן מיט אַ רעגן־שירם פון אַ גרינלעך אָפּגעשאָסענעם קאָליר. די עקן פון די צעפּאַרענע דרעטלעך זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ שפּאַגאַט.

ראובן איז געווען אַן איינגייער אין נחמן קליאַטשקינס גאַסט־הויז, וואו מ'האָט באַקומען דעם „המליץ" מיטן „הצפירה". ער פלעגט זיך דאָרטן אָנהערן מיט פּעק נייס און מיט אַלערליי זאַגאַכצן. דערנאָך איז ער אַוועק אין מאַרק־שול און דאָרט געלאָזט הערן זיינע ידיעות.

מיט געלאָסענע, אָפּגעוואויגענע ווערטער, וועגן וועלט־פּאָליטיק, און דאָס שמייכעלע האָט זיך באַלד באַוויזן אין זיינע אויגן.

ווען דער נעגער, דער משרת פון דוכס, האָט זיך באַוויזן אויף די ניעסוויזשער גאַסן, און איז געוואָרן די הויפּט־טעמע פאַר די חקרנים און די „חכמי הליזשאַנקע" פון מאַרק־שול, האָט ראובן דער „פילאָסאָף" אויפגעוויזן מיט וואָגיקע ראיות, אַז דער שוואַרץ־הויטיקער כושי שטאַמט אָפּ פון די הרי־חושך, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט סמבטיון.

גאָר אַ סך חקרנים זענען מיט אים ניט געווען איינשטימיק. פאַר קיין פאַל האָבן זיי ניט געוואָלט מסכים זיין, אַז אַט דער נעגער איז אַ נאָענטער שכן מיט די עשרת־השבטים, וואָס זיי געפינען זיך כידוע, אין יענע מקומותביים טייך סמבטיון.

ראובן דער עקשן האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיין חדוש, און פאַרטיידיקט זיין מיינונג מיט דער אויטאָריטעט פון אַן אלץ־ווייסער, וואָס אים שפּאַרט מען ניט איבער.

די „חקירה" האָט זיך געצויגן אַ פּאָר וואָכן. דערווייל איז דער דוכס אָוועקגעפאָרן פון שלאָס. מיט אים איז אָוועק דער „וואָגן אָן פערד" און ס'איז אויך נעלם געוואָרן דער משרת, דער נעגער.

ביסלעכווייז האָט זיך אויך איינגעשטילט די אַמפּעריי פון די חקרנים.

* * *

איינער פון די זעלטענע טיפּן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין ניעסוויזש דורכן דוכס, און וועמען די מיכאַלישקער בעלי־בית׳טעס זענען אָפּט דאַנקבאַר געווען, איז געווען פאַן קלימאַנסקי, דער אויפזעער איבער דעם „האַלבער" פולוואַראַק.

כאָטש כ׳האָב קלימאַנסקין געזען זייער אָפּט, איז מיין נייגער צו אָנקוקן אים קיינמאָל ניט געמינערט געוואָרן.

ס׳האָט געוועקט מיין נייגעריקייט זיין טשיקאַווע אָנטואָכטס, וואָס איז געווען אַ געמיש פון גלח׳ישן טראַכט מיט אַרבעטס־קליידער.

הויכגעוויקסיק און פעסטגעבויט איז געווען פּאַן קלימאַנסקי. דער קאָליר פון זיינע אויגן גרינלעך, מיט אַ מאָדנעם אָפּגלאַנץ. זיין קאָפּ, באַקן און וואָנצעס ריין אָפּגעגאָלט. דער פּנים זיינער פון זון פאַרברענט. אונטער אַ קורצער אַרבעטס־בורקע, האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצע גלחישע העמד, פאַרשפּילעט אויף הינטער. זיין הויכער האַלדז איז געווען אַרומגענומען מיט אַ האַרטן גומעפּערצענעם ווייסן קראַגן, גלחיש פאַרשפּילעט אויף הינטער. די שוואַרצע, שווערע געוואַנטענע הויזן זענען געווען פאַרלייגט אין די כאָליעוועס פון זיינע גרויסע רייטער־שטיוול. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ גרויסע, ברייט־ברעגיקע ווייכע שוואַרצע שליאַפּע.

פּאַן קלימאַנסקי האָט געענדיקט אַ קאַטוילישע טעאָלאָגישע סעמינאַריע, צו זיין אַ גלח. ער האָט זיך אָבער נאָכהער באַדענקט, און אנשטאָט צו ווערן אַ „קסיאָנדז״, האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין האָדעווען פיש. דער פירשט ראַדזיוויל האָט אים אויפגענומען פאַר אַן אויפזעער איבער זיין „האַלבער״ גוט, ער זאָל אַכטונג געבן אויפן פיש־צוכט פון טייך און די אָזערעס אַרום.

אין זיין גרויסער פּריצישער הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן וועג צו דער „האַלבער טייך״, האָט פּאַן קלימאַנסקי געהאָדעוועט צוויי־דריי שיינע שיקסעלעך, קיילעכדיקע יתומות. ער האָט זיי דערצויגן און געלערנט, געשוכט און געקליידט אין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. די שיקסלעך האָבן אים געהאָלפן פירן די בעל־בתישקייט.

יעדן זונטיק פרי און אין די חגאות האָבן מיר אויפן מיכאַלישאַק געזען דעם פּאַן קלימאַנסקי גייענדיק אין קאָסטשאָל מיט „זיינע טעכטער״. די שיקסעס זענען געווען פאַרפּוצטע ווי כלות.

ווען קלימאַנסקי האָט אָנגעטראָפן אין גאַס, האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ ברייטן „דאָברע יוטראָ״!

יעדן דאָנערשטיק פאַרנאַכט, איז קלימאַנסקי געקומען צו פאָרן אויף זיין גרויסן וועליסאָפּעד אין שפּייז־קרעמל פון אונדזער שכנה, לאה׳קע. זי האָט דאָרט געהאַט שטענדיק גרייט פאַר אים עטלעכע פלעשלעך גוטן, שוימיקן ביר.

קלימאַנסקי פלעגט לאה׳קען ברענגען „אויף שבת״ אין אַן עמער לעבעדיקע פיש: העכט, קאַרפּן און גילדענע פלאָטעס.

די מיכאַלישקער ווייבער זענען פון קלימאַנסקיס באַזוך ביי לאה׳קען אין קרעמל געווען צופרידן ניט ווייניקער פון איר אַליין. לאה׳קע פלעגט פאַרקויפן דעם גרעסטן טייל פון די פיש צו אירע שכנטעס, אַזוי אַז זיי האָבן אין איר זכות אויך געהאַט לעבעדיקע פיש אויף שבת.

גאַנץ אָפט, ווען ס׳איז קלימאַנסקין באַפאַלן דער דורשט נאָך אַ גוטער גלאָז ביר, איז ער געקומען צו פאָרן צו לאה׳קעס קרעמל אינמיטן דער וואָך. אין אַ זעלכע טעג פלעגט טרעפן, אַז מיר, די מיכאַלישקער, האָבן געהאַט אַ וואַרמעס פון גילדערנע פיש אין אַ סאַמע פּשוטן מיטוואָך.

דער ערשטער גראַמאָפאָן אין שטעטל

בענטשע דער איינבינדער, וואָס זיין הויז האָט זיך געפונען אין איינער פון די מיכאַלישקער געסלעך, איז געווען דער ערשטער איד ביי אונדז אין שטעטל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גראַמאָפאָן. ער האָט מזכה געווען די אידן פון ניעסוויזש מיט דעם גרויסן פאַרגע־ניגן פון הערן די תפילות פון די באַרימטע חזנים און אַנדערע מיני־געזאַנגען, געשפּילט דורך דער וואונדערבאַרער כלי; — אַ תענוג, וואָס נאָר גבירים אין די גרויסע שטעט האָבן זיך עס געקענט פאַרגינען.

פון וואַנען טאַקע האָט עס זיך גענומען צו בענטשע דעם איינ־בינדער אַזאַ אַנטיקל, און ווי אַזוי האָט ער זיך צו דעם דערשלאָגן?

בענטשע איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון חזנות. אינגלוויי״ז איז ער געווען אַ משורר ביי בעלי־תפילות און האָט געחלומט צו ווערן אַ חזן. דער מזל האָט אָבער בענטשען ניט צוגעשפּילט. ער איז קיין חזן ניט געוואָרן, און האָט זיך גאָר גענומען צו אַ מלאכה. ער איז געוואָרן אַ גוטער איינבינדער. עס האָט אָבער בענטשען גע־צויגן צום עמוד. פלעגט ער דאַווענען שבתים און ימים־טובים פאַרן עמוד אין אַלטן בית־מדרש. בענטשע איז אויך געווען פאַרעכנט זיין גאַנצן לעבן פאַר אַ מבין אויף חזנות. אַז ס׳האָט געטראָפן און אַ חזן איז געקומען אין שטעטל, איז בענטשע געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געגאַנגען הערן אים דאַווענען.

נאָכן דאַווענען האָט דער עולם געהאַלטן פאַר אַ חוב צו פרעגן בענטשען, וואָס דענקט ער וועגן „דער כלי״. אויף בענטשעס מבינות האָט מען געשטעלט און ניט געוואָגט עס אָפּצופרעגן.

אַלס ליבהאָבער פון חזנות, האָט בענטשע געהאַט די זכיה, אַז אין „זאַל״ פון זיין הויז זאָל אַמאָל איינשטיין אַ חזן פון די גרויסע

חזנים, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט קומען קיין ניעסוויזש. בענטשע האָט אויך געהאַט אַ חזקה, אַז צו אים זאָלן פאַרפאָרן די קלעצקער בעלי־תפילות, וועלכע מ׳האָט געדונגען צו דאַווענען ימים־נוראים אין אַלטן בית־מדרש. בענטשע האָט ניט געזוכט פון זיי צו פאַרדינען. ער האָט נאָר געהאַט די גרויסע באַפרידיקונג, וואָס ער האָט געקענט הערן ווי די בעלי־תפילות זינגען איין זייערע שטיקלעך מיט די משוררים.

און אָט האָט גאָט צוגעשיקט בענטשען אַ כשרע מציאה, אַ כלי אָן אַנטיקל וואָס קען באַצירן אפילו אַ גביריש הויז, און וואָס פאַרשאַפט נאָך דערצו גרויס הנאה אַזאַ ליבהאָבער פון נגינה ווי ער, בענטשע, איז, און נאָך אַזעלכע אידן ווי ער. איינמאָל האָט אַ פריץ, וואָס האָט געוואוינט אויסערן שטאָט, געבראַכט צו בענטשען אַ פעקל ביכער צו איינבינדן. ווען בענטשע איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער אַוועקגעטראָגן די איינגעבונדענע ביכער צום הויז פון פריץ. גראד האָט דאָרט דאַן געשפילט אַ גראַמאָפאָן. בענטשע האָט געהערט אַזעלכע האַרציקע מעלאָדיעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַ גרויסער טרובע, אַ צוגעשרויפטע צו אַ פירקאַנטיקע שיינגעשניצטע קעסטל. ער האָט געזען ווי דער פריץ לייגט יעדעס מאָל אַוועק אויפן קעסטל אַ קיילעכדיקע, שוואַרצע פלאַטע, דרייט אָן מיטן הענטל, און פון דער טרובע גיסן זיך זיסע געזאַנגען, וואָס דערקוויקן די נשמה.

בענטשע איז דאָרטן געשטאַנען אַ היפשע צייט, זיך צוגעהערט איינגעזאַפט אַ געפּלעפּטער.

דער פריץ, וואָס האָט באַמערקט ווי איבערראַשט בענטשע איז, האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן סוד פון דער שפּילקעסטל, וואָס מ׳רופט עס גראַמאָפאָן, און האָט אים געוויזן גענוי ווי מען דאַרף עס „אָנשטעלן״. און נאָך עפעס שיינס האָט דער פריץ

בענטשען געזאָגט: אַזוי ווי ער, דער פריץ, קלייבט זיך גאָר איג־גיכן אַרויסצופאָרן אין אַ גרויסע שטאָט, איז ער גרייט צו פאַר־קויפן בענטשען דעם גראַמאָפאָן בחצי־חנם. דער פריץ האָט אים אויך דערציילט, אַז די פּלאַטן ברענגט פאַר אים דער אידישער קאָ־מישניר, וואָס פאָרט אַלע וואָך קיין מינסק איינצוקויפן סחורה פאַר די שטעטלשע קרעמער. ער האָט צוגעלייגט: מ׳קען דאָרט אין מינסק קויפן פּלאַטן סיי „אונזעריקע" סיי „אייעריקע" געזונגענע פון „קאַנ־טאָרס".

בענטשע האָט אָן איבעריקע מינוט ניט געטראַכט. ער איז באַלד דורכגעקומען מיטן פריץ וועגן מקח, און האָט מיט שמחה אַהיים גענומען די וואונדער־כלי, דעם גראַמאָפאָן.

פון דעמאָלסט אָן האָט זיך אין ניעסוויזש אָנגעהויבן אַ סדרה גראַמאָפאָן. ווען בענטשע איז יענעם טאָג געקומען אין בית־מדרש, האָט ער באַלד דערציילט אַלעמען וועגן דעם אוצר, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט. ער האָט פאַרבעטן גוטע פריינט צו קומען שבת־צו־נאַכט צו אים אַהיים אָנקוקן די כלי, איינעם פון די וואונדער פון דער וועלט, און הערן ווי סע שפּילט דער גראַמאָפאָן.

נאָך הבדלה איז בענטשעס „זאַל" געווען איבערגעפּאַקט מיט געסט. אויבנאָן, ביי דער מזרח־וואַנט אויף אַ ווינקל־טישל איז גע־שטאַנען בכבודיק דער גראַמאָפאָן מיט דער ברייט־מויליקער, גרוי־סער, גרינער טרובע.

דער עולם איז געווען זייער געשפּאַנט, שוין געוואָלט וואָס גיי־כער הערן דאָס שפּילן. בענטשע האָט זיך אָבער ניט געאיילט. געווען זייער פאַרזיכטיק. מיט ציטעריקע הענט האָט ער אַרויסגענומען פון דער פאַפּירענער שיידל די נייע פּלאַטע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס גע־בראַכט פון קאָמישניר. ער האָט אַלעמען געוויזן דעם דיסק, און זיי דערקלערט, אַז אויף אָט דעם קיילעכדיקן דעקל געפינען זיך פאַסקעס

און סמנים, , און דאָס איז פאַר דער כלי, דעם גראַמאָפאָן, ממש דאָס זעלבע, וואָס די נאָטן פאַר אַ חזן. מיט גרויס כונה, ווי ביים זאָגן „לשם יחוד״, האָט בענטשע אָוועקגעלייגט דעם דיסק אויפן קיילעכ־דיקן געשטעל פון קעסטל און פאָרזיכטיק אַריינגעשטעלט די נאָדל. ער האָט בעת־מעשה אַכטונג געגעבן, אַז קיין פרעמדע האַנט זאָל זיך ניט צורירן צום אוצר, מ׳זאָל עס חלילה ניט קאַליע מאַכן. בענטשע האָט פאַמעלעכקע אָנגעדרייט מיטן הענטל די כלי, און אין אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער האָט דער עולם דערהערט די סליחה „אָשמנו מכל עם״, געזאָגט פון חזן דוד רויטמאַן.

ווען ס׳האָבן זיך דערהערט די ערשטע עטלעכע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען שאַרף און קלאָר פון דער גרויסער גרינער טרו־בע, האָבן זיך ביי עטלעכע אידן אַרויסגעריסן פון גרויס התפעלות די ווערטער: „עס זינגט דאָך ממש ווי אַ לעבעדיקער חזן!״

בענטשעס פּנים האָט געשטראַלט פון נחת. ער האָט אָבער צו־געלייגט דעם פינגער צום מויל, און ווינקנדיק געבעטן מ׳זאָל ניט מפסיק־זיין.

אַז דאָס זינגען האָט זיך געענדיקט, און דער עולם אידן האָט זיך דערפילט פריי צו ריידן, האָבן זיי געהאַלטן אין איין באַוואונדערן די אומגלויבלעכע דערפינדונג און ניט געקענט גענוג אָנלויבן די טייערע כלי. בענטשע האָט געמוזט לאָזן פיל מאָל איבערשפּילן די סליחה „אָשמנו מכל עם״, און די געסט זיינען ניט מיד געוואָרן צו הערן. אַז מען האָט אין בענטשעס געסל דערהערט דאָס שפּילן, האָבן זיך פון אַלע שטיבלעך צונויפגעקליבן די שכנים אַרום בענטשעס הויז, מ׳האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן די שוועלן פון די פענצ־טער און אַרום די קאַרניזן, צו אָנקוקן „דעם וואונדער״ און הנאה האָבן פון דער נגינה.

די געסט, וואָס זענען יענעם שבת־צו־נאַכט געווען ביי בענטשען,

האָבן צוטראָגן דעם וואונדער פון גראַמאָפאָן איבערן שטעטל. אויף מאָרגן זענען געקומען אַ סך נייגעריקע אידן אָנקוקן די כלי.

בענטשע איז יענעם זונטיק געווען אַ פאַרהאָרעוועטער מענטש. ער האָט געמוזט יעדעס מאָל וואַרפן די אַרבעט, ווייזן די אידן דאָס שפיל־קעסטל מיט דער טרובע, און געבן זיי צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין פון גראַמאָפאָן. ער האָט עס אָבער געטאָן גוטמוטיק, מיט אַ זעלבסט־צופרידנקייט. אַ טייל אידן האָט ער איינגעלאַדן צו קומען צו אים שבת־צו־נאַכט הערן זיין גראַמאָפאָן שפילן.

אַזוי איז געוואָרן אַ מנהג ביי בענטשען צו שפילן יעדן־שבת־צו־נאַכט דעם גראַמאָפאָן פאַר געלאַדענע געסט, פאַר גוטע פריינט און סתם־אידן, די וואָס זיינען געקומען די ערשטע, און האָבן זוכה געווען, זיינען געזעסן, אָדער געשטאַנען, אינעווייניק אין „זאַל" און זיך צוגעהערט צו דער נגינה. די וואָס האָבן ניט זוכה־געווען און זיינען געשטאַנען אין דרויסן אַרום די פענצטער, האָבן ניט ווייניקער הנאה געהאַט ווי די, וואָס זענען געקומען די ערשטע.

בענטשע האָט פון מאָל צו מאָל צוגעקויפט נייע פּלאַטן. ער האָט דורכן קאָמישגיר, וואָס פאָרט קיין מינסק, זיך איינגעשאַפן ניט בלויז נייע חזנישע זאַכן, נאָר אויך פאָלקס־לידער, חתונה־אויפשפּילן און חופּה־מאַרשן.

די לידער און די ניגונים, וואָס מ'האָט געהערט ביי בענטשען אויפן גראַמאָפאָן, זיינען פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן איבערן שטעטל. ס'האָבן זיי געזונגען ביי דער אַרבעט די מיידלעך און בחורים, די גע־זעלן אין די מאַסטערסקאַיעס.

ס'זיינען אַריבער עטלעכע יאָר און אין שטאָט זיינען צוגעקומען נאָך צוויי גראַמאָפאָנען: איינער ביי שמעון־אורי גאָלדבערג, דעם אַפּטייקער, און דער צווייטער ביי וויגאַנט דעם בעקער, אַ דייטש, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין באַקן „פראַנצויזישע בולקעס".

פון די הייזער, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די נייע גראַמאָפאָנען, האָט מען אויך געהערט אין די פאַרנאַכטן, ווען דער עולם גייט שפּאַצירן, פאַרשיידענע מעלאָדיעס און לידער.

פון שמעון־אוריס הויז האָבן זיך געטראָגן אָפּערע־געזאַנגען, רוסישע לידער און סימפאָנישע מוזיק.

וויגאַנטס גראַמאָפאָן האָט מערסטנס אויסגעשפּילט דייטשישע לידער, וואַלסן און אַנדערע טאַנץ־מוזיק.

אָבער דאָס שפּילן פון די צוויי נייע גראַמאָפאָנען האָט שוין ניט געהאַט דעם חן און די צוציאונגס־קראַפט, וואָס ס׳האָט פאַרמאָגט דאָס שפּילן פון בענטשעס ערשטן גראַמאָפאָן.

▼

די בונדיסטן פאַרזאַמלען זיך אין אַלטן בית-מדרש

דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונזער חשובן בן עיר,
הרב ד״ר משה־אלעזר אייזנשטאַט.

ס׳איז געווען ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. כ׳בין געווען נאָך אַ קליין אינגל. כ׳האָב נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף פון די געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט אין יענע שטורעמדיקע טעג. אָבער מיין וואַכזאַמער אויער האָט שוין אויפגעכאַפּט אַ סך פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. צו אונדז אין הויז איז אָנגעקומען די „הצפירה״ און מ׳האָט שטענדיק געשמועסט וועגן די טאָג נייס. אויך אין אַלטן בית־מדרש, וואו כ׳פלעג פאַרברענגען מיינע פרייע שטונדן, האָב איך זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו די שמועסן וועגן די „היכע ענינים פון פּאָליטיק״. כ׳האָב געוואוסט, אַז אַ שטורעם טראָגט זיך איבער רוסלאַנד.

פילע פון די רעוואָלוציאָנערן ביי אונדז אין שטאָט זיינען מיר געווען גוט באַקאַנט. זומערצייט, אין די שבתים, פלעגן גיין שפּאַצירן אויף די טראָטואַרן פאַרביי אונדזער הויז בחורים און מיידלעך אָנגעטאָן אין רויטע און שוואַרצע „רובאַשקעס״. כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָס זיינען סאָציאַליסטן, חברים פון „בונד״ און פון „פּועלי־ציון״, וואָס גייען קיין „האַלבער״ וואַלד אויף „סכאָדקעס״ (פאַרזאַמלונגען). כ׳האָב אויך געוואוסט, אַז מיינע שוועסטער־קינדער, פון דער באַוואוסטער פאַמיליע איזראַעל, וואָס האָבן געוואוינט אויף „ניישטאָט״, זיינען די הויפּט־פירער פון רי רעוואָלוציאָנערן ביי אונדז אין שטאָט.

אין אונדזער הויז האָבן זיך אויך געפונען בראָשורן און אַלער־ליי פאַרבאָטענע סאָציאַליסטישע פלוג־בלעטלעך, וואָס מיינע על־טערע שוועסטער פלעגן אַוועקראַמען און פאַרבאַהאַלטן ווי נאָר ס'האָט זיך אין גאַס באַוויזן דער „נאַדזיראַטעל".

כ'האָב געפילט, אַז אַ סך אידן אין אונדזער שטאָט סימפּאַטיזירן מיטן הויפּט־ציל פון די סאָציאַליסטן. די אידן האָבן דאָך אויס־געקוקט אויפן טאָג, ווען ס'וועט קומען די מפּלה פונ'ם צאַר, דעם צורר היהודים, וואָס האָט יעדן טאָג אַרויסגעגעבן אויף זיי נייע גזרות! ס'האָט אָבער די אידן ווי געטאָן צו זען ווי די מערסטע סאָ־ציאַליסטן רייסן זיך אָפּ פון אידישקייט און פאַרשוועכן אַלע הייל־קייטן. האָט דער צווייפל געעגבערט אין זייערע הערצער: קען דאָס אידיש פאָלק געהאָלפן ווערן פון אָט אַזעלכע ווי זיי זיינען?!

ס'האָבן זיך אויך געפונען אידן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז ס'וועט אויסגיין צו אידישע קעפּ אויב די רעוואָלוציאָנערן וועט ניט געלינגען צו פאַרווירקלעכן זייער שטרעבונג.

אין אַ געוויסן שבת האָט זיך אין ניעסוויזש פאַרלאָפן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט און צעווייטיקט די הערצער פון די פרומע אידן. מ'האָט וועגן דעם גערעדט מיט טיפן פאַרדרוס אַ לענגערע צייט, אַזוי אַז דאָס טרויעריקע געשעעניש האָט זיך איינ־געקריצט אין מיין זכרון.

יענעם שבת האָבן די חברים פון „בונד" „פאַרכאַפּט" דעם אַלטן בית־מדרש פאַר אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג.

דער אַלטער בית־מדרש איז געווען אין אונדזער שטאָט איינציק אין זיין מין. דאָס איז געווען אַ זייער אַלטער בנין מיט אַ געוועלבטן סופיט און מיט אומגלויבלעך דיקע ווענט, געטאַרקעוועטע און אָפּ־געקאַלכטע פון אינווייניק און אויסנווייניק ביז צו דער ערד. עס איז געווען אָנגענומען ביי די אידן פון ניעסוויזש, אַז דער בנין איז

שוין אַזוי אַלט, אַז דער שטיינערנער פונדאַמענט און עטלעכע שורות ציגל פון בית־מדרש זיינען פאַרזונקען אין דער ערד.

אין די ווינקלען פון דער צפונדיקער וואַנט און פון דער דרומ׳־דיקער, וואָס גרעניצן זיך מיט דער מזרח וואַנט, זיינען געווען אויס־געוועלבטע טיפע ערטער אויף צו האַלטן ספרים. אין דער טיפעניש זיינען געווען איינגעבויט פּאָליצעס, אויף וועלכע ס׳זיינען געשטאַנען גמראס פון גרויסן ווילנער ש״ס אין דריי שורות איינע נאָך די אַנדערע.

דער געוועלבטער סופיט האָט זיך געשטיצט אויף פיר פיר־קאַנטיקע געמויערטע זיילן („סלופּעס״, האָבן זיי געהייסן), וואָס זייער דיקייט איז אויך געווען אַ גוואַלדיקע. ביי די זייטן פון די צוויי מעריב׳דיקע זיילן זיינען געשטאַנען אַלמערס אָנגעפּאַקטע מיט טויזנטער ספרים.

דער אַלטער בית־מדרש איז געווען דער איינציקער מקום־קדוש אין ניעסוויזש, וואָס האָט ניט געהאַט קיין עזרת־נשים (ווייַ־בערשע שול).

פון די אַלטע דורות אָן איז דער אַלטער בית־מדרש געווען דאָס אָרט, וואו די לומדים פון שטאָט זיינען געזעסן און געלערנט מיט גרויס חשק.

אין מיינע אינגלשע יאָרן פלעגן די זקנים דערציילן, אַז מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק, זיינען אין אַלטן בית־מדרש געזעסן זעכציק יונגעלייט מוסמכים און געלערנט טאָג ווי נאַכט מיט גרויס התמדה. פילע פון זיי זיינען שפּעטער באַוואוסט געוואָרן אויף דער וועלט אַלס רבנים־גאונים, גרויסע „בעלי־הלכה״.

און אָט דעם מקום־קדוש האָבן עס די חברים פון „בונד״ אויס־געקליבן פאַר זייער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ.

שבת נאָכמיטאָג, האָבן די בחורים און מיידלעך, אָנגעטאָן אין די רויטע „רובאַשקעס״, זיך גענומען צוזאַמענקומען איינציקווייז אין

אַלטן בית־מדרש און האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענק אַרום דער בימה. אין דעם לאַנגן פּאָליש זיינען געווען אויסגעשטעלט די קעמפער, „דער באַיעוואָי אָטריאַד" מיט „שפּייערס" (רעוואָלווערן) אין די קעשענעס, גרייט אויף וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן.

די עלטערע אידן, וואָס זיינען געזעסן און געלערנט, האָבן זיך געוואונדערט וואָס טוען די חברה־לייט דאָ אין אַלטן ביתמדרש? זיינען אפשר די שקצים גאָר געוואָרן בעל־תשובה׳ס? און וואָס טוען דאָ, אין מקום־קדוש, אָט די מוידן ?!

די חברים, וואָס האָבן געוואָרט אויף די אַגיטאַטאָרס, האָבן דערווייל אַרויסגענומען פון די קעשענעס פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך און גענומען רויכערן.

דערזעענדיק דאָס, זיינען די אַלטע אידן, די לערנערס, פאַר־ציטערט געוואָרן. אויפגעשטורעמטע האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען און זידלען די משומדים, וואָס זיינען מחלל שבת אין אַזאַ הייליקן אָרט.

די חברים פון „בונד" האָבן זיך אָבער אויסגעלאַכט פון זיי און האָבן געהייסן די עלטערע אידן צו האַלטן מויל.

עטלעכע פון די זקנים, האָבן דעמאָלסט פאַרלאָזן דעם בית־מדרש, זיי זאָלן ניט צוקוקן מיט די אויגן דעם חלול הקודש. די מערסטע עלטערע אידן זיינען אָבער געבליבן אויף זייערע ערטער אין בית־מדרש, ווי זיי וואָלטן געווען אָ וואַנט, וואָס היט, אַז זייער הייליקע פעסטונג זאָל ניט אַריינפאַלן חלילה אינגאַנצן אין די הענט פון די אייגענע „מהרסים ומחריבים" (צוברעכער און פאַרוויסטער).

די לערנערס האָבן אַריינגעקוקט אין די ספרים, אָבער זייערע אויגן, פאַרלאָפן מיט טרערן, האָבן שטאַר געוואָנדערט איבער די שורות. די הערצער זיינען געווען צעקלעמט און די ליפּן האָבן גע־מורמלט: „ווי צו די אויגן, וואָס זעען אַזוינס!"...

איינער פון די זקנים, וואָס איז געבליבן זיצן ביי זיין טישל אויף זיין אָרט לעבן דעם קאָכליאָוון אויוון, איז געווען דער אַלטער ר׳ קלמן, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן זיך עוסק געווען אין צדקה זאַכן, אין שפייזן אָרימעלייט, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען געווען דערשלאָגענע בעל־מלאכה׳ס.

איינער פון די חברים, אַ ריכטיקער עזות־פנים, האָט צוגעטראָגן אַן אָנגעצונדענעם פאַפּיראָס צו ר׳ קלמנ׳ען, כלומרשט, געוואָלט אים מכבד זיין מיט דעם. דער אַלטער ר׳ קלמן האָט אים גוט אויס־גע׳שגצ׳ט, און דער חבר האָט זיך אָפּגעטראָגן.

די אַגיטאַטאָרן זיינען אריינגעקומען אין בית־מדרש באַגלייט פון עטלעכע „קעמפּערס״.

די בונדישע רעדנערס האָבן דער עיקר גערעדט און אַגיטירט וועגן „ננתקה״, — וועגן אַראָפּוואַרפן דעם קיסר ניקאָליי, שאַפן אַ קאָנסטיטוציע, און איינפירן פרייהייט און גלייכהייט אין רוסלאַנד. זיי האָבן אָבער אויך געשאָטן פעך און שוועבל אויף גאָט און אויף די, וואָס גלויבן אין משיח׳ן. איבערהויפּט האָבן זיי געצאָרנט קעגן די, וואָס האָפן אויף אַ נייער גאולה פאַר אידן דורך די פּאָליטישע נסים, וואָס עס וועלן וויזן די ציוניסטן, — אָט די „בורזשויען״, וואָס פאַר־לאָזן זיך אויף די צוזאָגן פון די קיסרים און זייערע שוואַרצ׳מאה׳־דיקע מיניסטאָרן.

צווישן די אַגיטאַטאָרס איז געווען איינער, וואָס האָט מעשה דרשן אויסגע׳פּילפּול׳ט, אַז אין דער אמת׳ן באַלאַנגט גאָר דער אַלטער בית־מדרש צו זיי, צו די חברים פון „בונד״, און זיי זיינען עס די ריכטיקע יורשים פון דעם מקום־קדוש.

„אָט דעם בנין, — האָט דער דרשן זיך צעפלאַמט ריידנדיק — האָבן געבויט אידישע אַרבעטער, אמת׳ע פּראָלעטאַריער. מוליאַרעס, טשעסליאַרעס און סטאָליאַרעס האָבן מיט זייער שוויס און שווערער מי אויסגעבויט אָט דעם בנין. זיינען געקומען די שיינע אידן, די

באַנק־קוועטשערס, קרעמערלעך, קליינע־בורזשויעז, וואָס זויגן אויס די קראַפט פון אַרבעטער און פויער, און האָבן גאָר פאַרכאַפּט דאָס הויז פאַר זיך!״

ביי אַ שעה דריי איז דער אַלטער בית־מדרש יענעם שבת געווען „פאַרכאַפּט״ דורך די חברים פון „בונד״.

ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט, זיינען די ערשטע אַרויסגעגאַנגען די אַגיטאַטאָרס אין דער באַגלייטונג פון די קעמפערס. די אַנדערע חברים זיינען זיך צוגאַנגען איינציקווייז אויפן זעלבן שטייגער ווי זיי זיינען פריער צוזאַמענגעקומען.

נאָך זייער אַוועקגיין איז אין דער לופט פון אַלטן בית־מדרש נאָך געשטאַנען אַ געדיכטער רויך און ס׳האָט זיך געפילט דער שלעכטער ריח פון טאַבאַק. פּאַפּיראָסן־עקלעך און שטיקלעך אָפּגעברענטע שוועבעלעך האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל פון בית־מדרש, — עדות פון דעם חילול שבת און דאָס פאַרשוועכן פון מקום־קדוש.

די זון האָט זיך גענומען זעצן. די אידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין אַלטן בית־מדרש, האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום ר׳ קלמנ׳ס טיש. די מערסטע פון זיי, — ר׳ קלמנ׳ס תלמידים, — זיינען געווען בעל־מלאכה׳ס, קינדער פון בעל־מלאכה׳ס, זינט דורות, וואָס האָבן גאָרניט געוואוסט, אַז זיי זיינען „פּראָלעטאַריער״, און דער חוק לישראל איז געווען זייער איינציקע קאָנסטיטוציע.

מיט צעווייטיקטע הערצער, און מיט אַ ניגון אָנגעזאַפּט מיט טרויער, האָבן זיי אָנגעהויבן זאָגן פסוק נאָך פסוק:

„אַשרי תמימי דרך״...

▼

די אַגראָדניקעס קומען אַהיים

די ערשטע, וואָס האָבן אונדז, קינדער פון ניעסוויזש, געגעבן דעם טרויעריקן צייכן, אַז דער ליבער זומער קלייבט זיך אין וועג אַריין, זיינען געווען די בושלעס, וואָס האָבן געהאַט זייערע נעסטן אויף די ריזיקע בוימער פון „האַלבע״ *). ווען מיר האָבן דערזען ווי די באַטשאַנעס ציען זיך טשאַטעסווייז אַוועק, האָבן מיר זיי נאָכגעקוקט און באַגלייט מיט פאַרקלעמטע הערצלעך. מיר האָבן געפילט, אַז זיי טראָגן אַוועק אויף זייערע ווייסע, ברייט־צעשפּרייטע פליגל אין די מרחקים אַריין טיילן פון זומער־גליק און זומער־פרייד.

דעם לעצטן צייכן, וואָס האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז דער ליבער זומער איז פאַריבער, האָבן מיטגעבראַכט פון די מרחקים די אַגראָדניקעס, וואָס האָבן געצויגן זייער חיונה פון די גרויסע גרינס־גערטנער, וואָס זיי האָבן געזייט אין פּוילן און אין דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקצוקערן סוכות־צייט צו זייערע נעסטן — זייערע היימען אין ניעסוויזש.

אין דער לופט פון שטעטל האָט זיך דעמאָלסט געפילט אַ טריבער אומעט. ס׳האָבן גענומען גיין די ערשטע סומנע אָסיען־רעגנס. דער געקלאַפּ פון די טראָפּנס אויף די שויבן האָט אָנגעיאָגט דאגות אין די הערצער. מ׳האָט גענומען זיך זאָרגן וועגן פאַרגרייטן אויף ווינטער: — וועגן אָנשיטן אַ זאַשעק קאַרטאָפל אין קעלער, וועגן שטעלן אַ פּאָר פעסלעך קרויט, מ׳זאָל האָבן מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן; מ׳דאַרף די קינדער, וואָס גייען אַוועק אין חדר באַקליידן מיט אַ שטיקל וואַרימן מלבוש, און מ׳מוז אויך באַצייטנס באַ־

---

*) „האַלבע״ — דעם פירשט ראַדזיווילס אַ פּולוואַרעק, וואָס האָט זיך געפונען אין מרחק פון אַ צוויי וויאָרסט פון ניעסוויזש.

שטעלן כאָטש אַ פּאָר שורקעס האָלץ, צו האָבן מיט וואָס דעם זינ־דיקן גוף צו דערוואַרימען.

אין אָט דער מיט זאָרג־באַלאָדענער אַטמאָספער פון שטעטל האָט דאָס צוריקקומען פון די אַגראָדניקעס אָנגעהויכט פאַר אַ ווײַלע אַ פרײלעכערע שטימונג.

אַ מין יום־טוב׳דיקייט האָט זיך געפילט אַרום די שטעטלשע אידן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון די ווײַטע קאַנטן, אָנגעהאָרעוועטע, פאַרברענטע פון זון, מיט אַ לעכצונג אין די בײנער נאָך אַ לאַנגער, כשר־פאַרדינטער שבת־רו.

די ווײַטע, גרויסע וועלט האָט מיט די אַגראָדניקעס געשיקט גערוסן צו אונדזערע אידן פון ניעסוויזש.

אין די אָסיענדיקע און ווינטערדיקע אָוונטן זײַנען ביי זיך אין די שטיבער, און אין די בתי־מדרשים, געזעסן ביי די טישן די צוריקגעקומענע און האָבן דערציילט פון „יענע קאַנטן". דאָס זײַנען געווען מעשיות פון די חסידים און זייערע רבים פון פּוילן, — ביל־דער, וואָס האָבן געשילדערט דאָס לעבן פון די אידן אין די געגנטן פון סעדליץ און קאַליש, פלאָצק און לאָדז. מ׳האָט פון די אַגראָדניקעס געהערט געשיכטעס פון אונדזערע ברידער, וואָס זײַנען פאַרוואָרפן אַזש אין דעם העט־ווײַטן פּויזן.

די קלײנע, געוועזענע היטעלעך, מיט די פּיצינקע דאַשיקעס, וואָס אַ פּאָר פון די צוריקגעקומענע אַגראָדניקעס האָבן אויף זייערע קעפּ געטראָגן, האָבן ווי באַשטעטיקט, אַז דאָרטן, אין פּוילן, זײַנען טאַקי די זיטן און מנהגים גאָר אַנדערע.

▼

נח־מענדל דער אַגראָדניק

צו אונדז אויף מיכאַלישאָק פלעגט דער ערשטער קומען צופאָרן אַהיים נח־מענדל דער אַגראָדניק.

זיין האַרציק־קלוגער שמועס און ליכטיקער שמייכל, וואָס ער האָט יעדן אַנטקעגן געטראָגן, האָט אויפגעמונטערט די אידן פון דער פאַרצאָגטער, אין־בלאָטע־פאַרפלייצטער מיכאַלישאָק.

דאָס „פייפעלע" ביי נח־מענדלען אין לונגען האָט טאַקי גע־האַלטן אין פייפן (לאַנגע יאָרן האָט ער געליטן פון אַ זאַדישקע [אַסטמע]), אָבער זיין גוטמוטיקייט און פריילעכקייט האָבן אים ניט פאַרלאָזן.

פון וואַנען האָט זיך צו נח־מענדלען, דעם שוואַכן אידן, וואָס איז געווען אַ בעל־מטופל און באַלאָדן מיט צער גידול בנים, גענומען אַזאַ שיינענדיקער שמייכל? אפשר איז עס אים פאַרבליבן אַ גע־שאַנק פון יענע פריילעכע, זינגעוודיקע יאָרן, ווען ער איז אַ משורר געווען ביי זיין צוקונפטיקן שווער, ביי יקיר דעם חזן.

ס'איז אַזוי גוט געווען צו זען נח־מענדלען אַרומגיין אַזוי אויפ־געראַמט הין־און־צוריק אין „זאַל" פון זיין הויז, און הערן אים זינגען אַ האַרציקע שטיקל חזנ'יש, ווי אַ שטייגער די תפלה „רצה", וואָס ער האָט געהערט חזן סיראָטע זינגען, ווען ער איז געווען אין וואַרשע. די שוואַרצע, קיילעכדיקע קאָטיקענע היטל ביי נח־מענדלען אויפן קאָפּ האָט אויסגעזען ווי אַ מהודר'דיקע יאַרמעלקע. די ברוינע אויגן צעשטראַלט. די טונקל־ברוינע וואָנצעס און די ניט־צו־לאַנגע באָרד, דורכגעשנירלט מיט די ערשטע גרויע האָר, ציכטיק און צוגעקאָמט. די טענער גיסן זיך אַזוי ווייך־סאַמעטענע פון זיין האַלדז, און גיבן צו פייערלעכקייט צו דעם אַזוי אויך יום־טוב'דיקן אויסזען פון „זאַל".

לאה נח־מענדלס „זאַל", איז געווען אַ שם־דבר אויף „מיכאַלישאָק פון נאָכן בריק".

דער גרויסער צימער מיט די פיר פענצטער איז שטענדיק געווען צוגעשלאָסן און יום־טוב'דיק אויפגעראַמט. דער דיל האָט שעמערירט פון זויבערקייט. די פענצטער זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט גאַרדינען. די קושעטקע באַדעקט מיט אַ שניי־ווייסער איבערדעק, און די פּאָר שטולן איבערגעצויגן מיט אַ שיינעם, געבלימלטן צייג. די פענצטער זיינען געווען אַרומגעשטעלט מיט אַלערליי וואַזאָנעס, אַריינגעזעצטע אין גרויסע, ליימענע טעפּ. זיי האָבן געשפּרייט אַ ריח־ניחוח איבערן צימער און דערקוויקט דאָס האַרץ און אויג מיט זייער פרישער גרינקייט.

אין לאה נח־מענדלס זאַל, איז יאָרנלאַנג איינגעשטאַנען דער לערער פּאַר מיידלעך, מאָטל בורסקי. פון זיין קליינער פיגור, מיט דעם אונטערגעשאָרענעם טונקל־שוואַרצן שפּיציקן בערדל, פון זיין האַרטן קאַפּעליוש און די הויכע שטיוועלעך־קאַלאָשן, און פון זיינע געמאָסטענע טריט, האָט זיך געטראָגן אַ מאָדנע, נישט־היגע געלאַסענע רואיקייט. זיין קאַלטקייט און רואיקייט זיינען געווען אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דער טומלדיקער לעבהאַפטיקייט און גערויש, מיט וועלכע לאה נח־מענדלס קינדער האָבן אָנגעפילט די אַנדערע צימערן פון שטוב.

מאָטל בורסקי'ס רואיקייט האָט זיך אָבער אַריינגעפּאַסט אין דער אַטמאָספער פון זיין צימער, — „דעם זאַל".

ס'האָט זיך געדאַכט: דער באַ'חנ'טער, מיט גרינס־באַפּוצטער יום־טוב שבועות, האַלט זיך אויף צוזאַמען מיט מאָטל בורסקין אין לאה נח־מענדלס „זאַל" אַ גאַנץ יאָר.

די מעשיות פון די ווייטע מקומות, פון אַרום סעדליץ און וואַרשע, וואָס נח־מענדל האָט אין די ווינטער חדשים אַזוי האַר־

ציק דערציילט, און זיין זינגען חזנ׳ישע שטיקלעך, האָבן צוגע־געבן „דעם זאַל" נאָך מער יום־טוב׳דיקייט.

און ווער רעדט, אַז נח־מענדל האָט געגומען זינגען זיין ליבלינגס־שטיקעלע „הבן יקיר לי אפרים", — דעמאָלסט פלעגט אפילו דער קאַלטער מאָטל בורסקי אויפגעהייטערט ווערן.

און לאה, שטייענדיק ביים אויוון, אָדער ביי דער באַלייע מיט גרעט, האָט באַלד אויפגעכאַפּט דאָס זינגען און מיט גרויס געפיל מיטגעהאָלפן פון דער ווייטנס:

„יקיר לי אפרים, יקיר, יקיר לי, יקיר לי אפרים, הבן יקיר, יקיר, יקיר לי, יקיר לי אפרים".

אָט דאָס נחת פון הערן איר נח־מענדלס זיסן זינגען ביי זיך אין הויז און ביים דאַווענען פאַרן עמוד, און די ליבשאַפט, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן, האָבן לאהן געגעבן כוחות צו טראָגן דעם שווערן יאָך. דאָס האָט אויפגעמונטערט איר געמיט, און האָט אַריינגעטראָגן וויץ און גלייכווערטל אין אירע לאַנגע שמועסן, וואָס זי האָט ליב געהאַט צו פירן מיט די שכנות פון מיכאַלישאָק.

ניאָמע איטשע־דוד׳ס און
אברהם יאָשע פאַלק׳ס

דער צווייטער אַגראָדניק, וואָס פלעגט זיך צוריקקערן פון זיין גאָרטן אין פוילן און זיך באַווייזן אויף מיכאַלישאָק ארום סוכות־צייט, איז געווען ניאָמע איטשע־דוד׳ס.

ניאָמע פלעגט זיך טאַקי מער ניט ווי באַווייזן. צופיל זען אים אין גאַס, ביי זיין הויז, און ווער רעדט הערן פון אים, האָבן מיר, מיכאַלישקער, ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט.

ניאָמע איז געווען אַ איד אַ הויכער, מיט טונקל־בלויע אויגן, מיט אַ טונקל־שוואַרצער באָרד און געדיכטע, דיקע ברעמען. ער איז געווען אַ איד אַ שטילער, אַ גרויסער שווייגער. אין קעגנזאַץ צו נח־מענדל דעם אַגראָדניק, האָט מען ביי ניאָמע איטשע־דוד׳ס גע־דאַרפט אַ וואָרט קויפן. מיר, די קינדער פון מיכאַלישאָק האָבן אים נאָר געזען דורכגיין די גאַס, ווען ער איז, ווי זיין שטייגער, שטיל און צוריקגעצויגן געגאַנגען אין שול דאַווענען, און האָט געטראָגן אין זיינע שווערע, אויסגעפּראַצעוועטע הענט דעם גרויסן, שוואַרצן טלית־און־תפלין זאַק.

די הויז פון ניאָמע איטשע־דויד׳ס איז אויך געווען איינגע־הילט אין שטילקייט. אין די חדרים פון זיין שטוב האָט געהערשט אַ געלאַסנקייט, וואָס איז געווען אייגנטימליך ניט נאָר פאַר ניאָמען אַליין, נאָר אויך פאַר ניאָמעס ווייב, די שטילע און בנעימות׳דיקע גאָלדע. די געלאַסנקייט האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף די עלטערע קינדער, זייערע טעכטער און זון.

די רואיקייט אין ניאָמעס און גאָלדעס הויז איז געשטערט געוואָרן, ווען ס׳איז אונטערגעוואַקסן זייער מיזיניק, משה. ער האָט

רעוואָלטירט קעגן דער רואיקייט און האָט אויפגערודערט די שטיל־קייט אין די חדרים פון הויז מיט זיין קאָכיקן טעמפּעראַמענט, און אַריינגעבראַכט אין זיי אַן אינגליש־שטיפערישע טומלדיקייט.

* * *

ניאָמע דעם אַגראָדניקס באַוויזן זיך אויף מיכאַלישאָק האָט געלאָזט וויסן, אַז אויך זיין שוואָגער — זיין ווייבס ברודער — און שותף אין גאָרטן, אברהם יאָשע פאַלק'ס, איז שוין דאָ צוריק אין שטאָט.

ווען כ'האָב דערזען ניאָמען, האָב איך שוין געוואוסט, אַז פון איצט אָן וועט מען טרעפן אין נייעם בית־מדרש (וואָס האָט פריער געהייסן „ר' סנדר'ס קלויז") אויך אברהם האַלפּערין.

איך האָב ליב געהאַט צו הערן ר' אברהם'ס קלוגע, געוואוי־גענע און געמאָסטענע רייד, ביי אַ שמועס אין בית־מדרש, צו פאַר־נעמען זיינע אַ זייטיקע באַמערקונג, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אַזוי שטיל און בנעימות'דיק, אַריינקוקנדיק בעת־מעשה אין אַ ספר. זיינע אַ באַמערקונג האָט שטענדיק געטראָפן אין פּינטל. עס האָט יעדן באַהאַרצט דער קלוגער שמייכל, וואָס האָט אויפגעשיינט אין אברהם האַלפּערינס באַברילטע, שוואַרצע אויגן ביים דערציילן עפּעס פון די מרחקים. דער שמייכל האָט געהעלט פאַר אַ ווייל אויף זיינע וואָנצעס און קוים געעפנטע ליפּן, און ליבלעך אַריינגעפּלאָ־טערט אין זיין ניט־גרויסער טונקעלער באָרד, וואָס איז געווען אין פּראָפּאָרציע מיט זיין מיטעלן וואוקס און לייכטן געבוי פון קערפּער.

איך האָב געהאַט פאַר אברהם יאָשע פאַלק'ס, דעם תלמיד־חכם, אַ באַזונדער געפיל פון דרך־ארץ אויך צוליב דעם, וואָס ער איז געווען דער פאָטער פון געראָטענע און וואויל־געלערנטע קינ־דער. דער עלטערער זון זיינער, בערל (באָריס האַלפּערין), אַ זעל־טענער בעל־ידיעות, האָט יאָרנלאַנג געוואוינט אין פּעטערבורג,

און זיך אויסגעצייכנט אַלס פּעדאַגאָג און טוער אין דער חברה „מפיצי השכלה״.

זיין צווייטער זון, פּאַלק האַלפּערין, איז אויך גאַנץ־זעלטן געווען אין דער היים. ער האָט געלעבט אין ווילנע, וואו ער איז געווען אַ לערער, און האָט זיך באַטייליקט אַלס שרייבער אין די העברעאישע און אידישע צייטונגען. ער האָט דאַן מערסטנס געשריבן פעליעטאָנען און ספּורים.

ווען איך בין געווען א יונג אינגל, האָט דער טאַטע מיינער איינגעשאַפּן פּאַר די תלמידים פון זיין חדר, „די ביבליאָטעקן״ וואָס הוצאת „תושיה״ האָט אַרויסגעגעבן פּאַר דער יוגנט. אין איינער פון די סעריעס „פּרחים״ און „נצנים״ האָבן מיר געפונען דעם ספּור „הגנב הקטן״ פון פּאַלק האַלפּערין. די טראַגישע איבערלעבונגען פון דעם אינגל, דעם העלד פון ספּור, האָט אויף אונדז געמאַכט אַ טיפן, אומפאַרגעסלעכן רושם. ס׳האָט אונדז, קינדער פון ניעסוויזש, שטאַרק הנאה געטאָן וואָס דער מחבר פון ספּור איז אונדזערער אַ בן־עיר, וואָס מיר קענען אים און קענען זיין גאַנצע משפּחה. נישט איינער פון אונדז האָט זיך געוואונטשן אין האַרצן ער זאָל אויך זוכה זיין צו ווערן אַ שרייבער און זען זיינע אַ דערציילונג אָפּגעדרוקט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך שוין געלייענט צוזאַמען מיט מיין טאַטן פּאַלק האַלפּערינס העברעאישע פעליעטאָנען וואָס זיינען געווען באַהעלט מיט אַן איידעלן הומאָר.

אין איינעם פון זיי האָט ער דעמאָלסט באַשריבן אַ מיוחס׳דיקן „געניאַלן חכם״ פון אונדזער שטאָט, וואָס איז געווען אַן איידים פון איינעם פון די רייכסטע און פּאָרנעמסטע בעלי־בתים אין ניעסוויזש. מ׳האָט דאַן ביי אונדז דעם פעליעטאָן פּאַרצוקערט. אין שטאָט זיינען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל די „קלוגע ווערטלעך״ און „טייערע איינפאַלן״ פון יענעם מיוחסדיקן איידים.

אין יענע יאָרן

אין יענער צייט האָט אויף מיר אויך געמאַכט אַ רושם אַ ציור (בילד), אין וועלכן פאַלק האַלפּערין האָט באַשריבן דאָס שטאַרבן פון זיין עלטער־זיידן פון מוטערס צד, דער שוסטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים, אַן אמת׳ער „נהנה מיגיע כפיו״, אַן עכטער האָרעפּאַשניק. רירנד און דערהויבן איז געווען דאָס בילד ווי דער זיידע זעגנט זיך מיט זיין גאַנצער משפּחה, קינדער, אייניקלעך, און אור־אייניקלעך.

דאָס בילד האָט מיר דערמאָנט אָן דאָס געזעגענען זיך פון איינעם פון די אָבות, וואָס בענטשט זיינע קינדער פאַרן טויט.

ווען כ׳האָב געלייענט יענע פעליעטאָנען און בילדער אין מיין יוגנט, ווי אויך מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ׳האָב געלייענט פאַר זיך אַליין פאַלק האַלפּערינס נאָוועלן, און מיט מיינע תלמידים פון דער העברעאישער שול זיין בוך „חכמי חלם״, האָט פון זיי תמיד אויפ־געשיינט פאַר מיר דער ליבער, איידעלער שמייכל, וואָס האָט גע־העלט אויף די ליפּן פון זיין טאַטן, — אברהם יאָשע פאַלק׳ס.

אין די יאָרן 1918—1920 האָב איך צוזאַמען מיטן לערער אברהם ראַוואָון און פאַלק׳ס שוועסטער, די טיכטיקע פּועלי־ציו־ניסטקע און פאָלקס־לערערין, גאָלדע האַלפּערין, געלערנט די אָרימסטע פון די אָרימע קינדער פון ניעסוויזש אין דער „בער באָ־ראָכאָוו שול״. ביי די פּעדאַגאָגישע באַראַטונגען, אָדער ביי די זי־צונגען פון שול־פאַרוואַלטונג, האָט גאָלדע אָפט געמאַכט טרעפ־לעכע באַמערקונגען אויף איר מיושב׳דיקן, בנעימות׳דיקן שטייגער. בעת־מעשה פלעגט זיך באַוויזן אַ שמייכל אין אירע קורצזיכטיקע אויגן און אויף איר אויבערשטער ליפּ. עס פלעגט גלייך אַרויפקו־מען אויף מיין געדאַנק דער געשטאַלט פון איר פאָטער, אברהם יאָשע פאַלק׳ס, ווי ער דערציילט עפּעס וויכטיקס פאַר די אידן אין נייעם בית־מדרש און דער ליבער שמייכל זיינער העלט אויף אין זיינע אויגן.

▼

דער רב, ר׳ יהושע׳לע

כ׳האָב זייער ליב געהאַט צו הערן מיין טאַטן דערציילן וועגן די גרויסע אידן, וואָס האָבן באַשיינט אונדזער שטאָט, ניעסוויזש, אין די פריערדיקע דורות.

אַ געוויסן טאָג האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן די רבנים, די גאונים, וואָס זענען געזעסן אויפן רבנות־שטול ביי אונדז אין ניעסוויזש.

זאָגט צו מיר דער טאַטע: הער זיך צו, מיין זון, וועל איך דיר דערציילן וועגן ר׳ יהושע׳לען, איינער פון אמת גרויסע רבנים פון אונדזער שטאָט, וואָס כ׳האָב זוכה געווען אַליין צו קענען און צו לערנען זיינע וועגן און זיינע אויפפירונגען מיט גאָט און מיט מענטשן.

— דער רב, ר׳ יהוש׳לע, דער זון פון גרויסן גאון, ר׳ אליהו ראגאָלער, האָט מען צוגענומען צו אונדז, אין ניעסוויזש, פון דער נאָענטער שטעטל, קלעצק, וואו ער איז געווען רב צוואַנציק יאָר. אין ניעסוויזש איז ער געזעסן על כסא הרבנות ביז ער איז נפטר געוואָרן, און געפונען זיין אייביקע רו אויפן אַלטן בית־עולם.

דעם נוסח אויף ר׳ יהושע׳לעס מצבה האָט פאַרפאַסט דער גרוי־סער העברעאישער דיכטער, יהודה לייב גאָרדאָן. באַשטעלט ביי אים דעם נוסח האָט ר׳ יהושע׳לעס אײדים, דער באַוואוסטער גביר און משכיל, חישין. אויף ר׳ יהושע׳לעס קבר שטייט — ווי דו ווייסט — דער גרויסער אוהל, וואוהין די אידן פון ניעסוויזש קומען אָפט מתפלל־זיין.

דער רב, ר׳ יהושע׳לע, וואָס פון גרויס ליבשאַפט צו אים האָט מען פאַרצויגן זיין נאָמען און גערופן ר׳ יהושע׳לע, האָט זיך אויסגע־

צייכנט ניט נאָר אין תורה און חכמה, נאָר איז אויך געווען באַוואוסט מיט זיין גוט האַרץ און לויטערע מדות. אויסער דעם איז ער געווען געבענטשט מיט אַ הדרת־פנים. מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז זיין געשטאַלט איז „כתואר פני המלך״ (ווי אַ קעניגלעכע געשטאַלט). ווען ער פלעגט גיין אין גאַס, אַנגעטאָן אין רבנישן טראַכט, האָבן זיך שררות אָפּגעשטעלט אַנצוקוקן אים, און באַוואונדערט זיין ליכ־טיקן פנים, וואס איז געווען באַצירט מיט זיין שיינער, ווייסער באָרד און געקרייזלטע פאות.

ר׳ יהושע׳לע איז געווען אַ גרויסער עובד ה׳. דאָס האָט מען איבערהויפּט אַרויסגעזען אין זיין דאַווענען. ער האָט גאָט געדינט מיט אַלע חושים זיינע, ביז כלות הנפש. בעת׳ן דאַווענען האָט דער פנים זיינער ממש געשטראַלט. אין קריאת־שמע און שמונה־עשרה האָט ער שטענדיק מאַריך געווען. די מתפללים אין אַלטן בית־מדרש וואָס פלעגן ענדיקן די תפילות פריער, האָבן זיך איינגעהערט מיט אַ הייליקן ציטער צו די פסוקים און ברכות, וואָס ער האָט אַרויסגע־ברענגט פון זיין מויל מיט אַ דייטלעכער אויסשפּראַך, מיט זיין זיסן קול, מיט זיין באַזונדער־האַרציקן ניגון און אָפּזעץ. ער האָט דאַווע־נענדיק מקיים־געווען „עבדו את ה׳ בשמחה״ (דינט גאָט מיט שמחה) און „גילו ברעדה״ (פרייט זיך מיט ציטער).

ר׳ יהושע׳לע האָט אָפט דערגרייכט אין זיין עבודה ביז התפשטות הגשמיות.

דער טאַטע האָט מיר ווייטער דערציילט: — אין מיין זכרון איז פאַרבליבן איינגעקריצט אַ געשעעניש, וואָס האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

עס איז געווען אין אַ שבת, בעת מ׳האָט געזאָגט „א־ל אָדון״, די תפילה, וואָס דער חזן זאָגט איבער נאָכן עולם פסוק נאָך פסוק,

ווען דער עולם מתפללים האָט אָפּגעזאָגט דעם פּסוק „פּאר וכבוד", האָט דער חזן אָפּגעוואַרט צו הערן ווי ר' יהושע'לע לאָזט אויס דעם פּסוק, כדי ער זאָל נאָכדעם עס אויך איבערזאָגן. אָבער דאָסמאָל, ווען ר' יהושע'לע איז צוגעקומען צו די ווערטער: „ראה והתקין צורת הלבנה", איז ער שטיל געוואָרן, און האָט זיך אַ לאַנגע ווײַלע פאַרזאַמט. ווען ער האָט זיי ענדלעך אַרויסגעזאָגט, איז זײַן קול געווען אָנגעזאַפּט מיט טרויער.

דאָס האָט געמאַכט אויפּציטערן די הערצער פון די מתפּללים און האָט איבערגעלאָזט אויף זיי אַ שווערן רושם. זיי האָבן אָבער צוליב יראת הכבוד גאָרניט געפרעגט וועגן דעם ביים רב נאָכן דאַווענען. ר' יהושע'לע אַליין האָט אויך אַ גאַנצן שבת גאָרניט דערמאָנט וועגן דעם ענין.

ביים דאַווענען מעריב יענעם מוצאי־שבת האָט ר' יהושע'לע זײַער מאַריך געווען ביי זאָגן „השכיבנו" און אין שמונה־עשרה. ווען ער האָט פאַרענדיקט „עושה שלום" האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און ביטערע זיפצן האָבן זיך ביי אים געטראָגן פון האַרצן.

נאָכן דאַווענען האָט ר' יהושע'לע זיך געווענדעט צו זײַנע מקורבים און צו זיי געזאָגט מיט אַ געבראָכענעם געמיט: „טײַערע ברידער, מיר דאַרפן האָבן גרויס רחמים! כ'האָב מורא, מײַנע ליבע אידן, אַז אַ שווערע פּורעניות קומט אויף אונדז, רחמנא ליצלן; אַז אונדזער שטאָט איז פאַרמשפּט צו פײַער. הײַנט ביים זאָגן „פּאר וכבוד" אין דער תפילה „א־ל אָדון", האָבן פאַר מײַן געזיכט אַרומ־געשוועבט די פיר ראשי־תיבות פון די ווערטער: ר'אה ו'התקין צ'ורת ה'לבנה, וואָס זיי זענען בגימטריא „אש" (פײַער), און ווי אַ רויטער פײַערדיקער אויפשריפט זענען זיי פאַר מײַנע אויגן גע־שטאַנען אַ לאַנגע צײַט".

ר' יהושע'לעס אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן און זײַן ליכטיקער פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן פון אומעט.

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע צוהערער. זיי האָבן געוואוסט ווי שטאַרק באַליבט איז די עדה אידן פון ניעסוויזש ביי ר׳ יהושע׳־לען. זיי האָבן געקענט זיין צדקות און חסידות, און געוואוסט אַז פאַר אים זענען אָפן די טויערן פון הימל, און פאַרשטאַנען פון זיינע ווער־טער, אַז דאָס מאָל איז „כלו כל הקצין״ און מ׳קען די גזרה ניט אָפּשרייען.

יענעם שבת־צו־נאַכט האָט עס טאַקע אויסגעבראָכן אין ניעס־וויזש די גרויסע שרפה, און דאָס רוב הייזער פון שטאָט זענען אַוועק מיטן פייער.

דער פרוש

איך זיץ אין דער פרושים־שול, וואָס געפינט זיך אין אַן אויבער־שטיבל פון דער גרויסער קאַלטער־שול, און לערן גמרא.

אין דער פרושים־שול דאַוונט מען נאָר ותיקין. פון נאָכן דאַווענען בהשכמה ביז מנחה, קומט איצט זעלטן ווער אַריין אין דעם שטיבל. דער איינציקער וואָס זיצט דאָ און לערנט אויסער מיר איז דער שוואַרצער פרוש.

מיט עטלעכע יאָר פריער האָט מען נאָך דאָ אין פרושים־שול געהערט די זיסע קולות פון בחורים, וואָס האָבן געלערנט גמרא ביי ר׳ יוסף׳ן, דעם גרויסן למדן און צדיק.

וועגן ר׳ יוסף׳ס צידקות, מידות און אויפפירונגען, זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס נאָך ביי זיין לעבן. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוועזן דיין אין ניעסוויזש. ר׳ יוסף האָט געהאַט אַ געשלאָסענעם מויל, — גערעדט געציילטע ווערטער. דערפאַר האָט דער יעניקער, מיט וועמען ר׳ יוסף האָט אויסגערעדט עטלעכע ווערטער, עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זכיה. ר׳ יוסף איז געוועזן דער רבי אין פרושים־שול, וואו ער פלעגט זיצן און לערנען ס׳רוב טאָג.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז דער אויבער־שטיבל דאָ געווען געפאַקט מיט „פרושים״, — יונגעלייט לומדים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען און קינדער אין זייערע שטעטלעך, און געקומען קיין ניעסוויזש לערנען. זיי זענען געזעסן דאָ אין שול און געלערנט טאָג און נאַכט מיט התמדה.

כאָטש איצטער לערנען דאָ שוין מער ניט קיין פרושים און די שול שטייט ליידיק כמעט אַ גאַנצן טאָג, האָט זי ניט פאַרלאָרן דעם זכות צו רופן זיך די „פרושים־שול״. אַזוי אויך רופט מען נאָך דעם איינציקן פרוש, וואָס איז געבליבן ווי א זכר פון יענער גאַל־

דענער צייט, „דער שוואַרצער פּרוש״, כאָטש ער איז שוין מער ניט קיין פּרוש, ווייל זיין ווייב און קינדער וואוינען איצט מיט אים אין ניעסוויזש. ער איז שוין אויך ניט מער קיין שוואַרצער, ווייל די האָר פון זיין קאָפּ און באָרד זענען שוין פון לאַנג ווייס געוואָרן.

איך האָב ליב צו באַאָבאַכטן דעם פּרוש׳ס אויפפירונג און זיינע מידות, און זיך צוהערן צו זיינע באַהאַרצטע, זיס־טרויעריקע ניגונים ביים לערנען גמרא.

דער פּרוש איז נאָר אַ „הויפּן ביינער״. ס׳רוב טעג פון זיין לעבן האָט ער געפּראַוועט סיגופים און תעניתים. ער גייט שטענדיק גע־בויגן, איינגעהויקערט, ווי ס׳וואָלט געלעגן אויף אים דער שווערער לאַסט פון דעם אידישן ביטערן לעבן אין גלות. זיין פּנים דריקט אויס טיפן צער, נאָר די אויגן ברענען מיט אַ הייליקן פייער.

דער שוואַרצער פּרוש איז אויך אַ מקובל. שעה׳ן לאַנג זיצט ער פאַרטיפט איבערן זוהר און אַנדערע קבלה־ספרים און גרונטעוועט זיך אין סתרי־תורה.

מ׳דערציילט וועגן פּרוש: נאַכט אין נאַכט, ווען ער בלייבט אַליין אין אַלטן בית־מדרש, וואו ער דאַווענט שטענדיק מעריב, ריכט ער דאָרטן אָפּ חצות אויף אַ מאוים׳דיקן שטייגער. ער מאַכט הקפות ארום בימה, פאַלט נאָכדעם אַריין אין אָרון־קודש, וויינט און קלאָגט פאַר גאָט אויפן ביטערן גורל פון די אידן, וואָס ווערן געפּלאָגט אין דעם פינצטערן גלות. ער גיסט אויס זיין האַרץ פון וועגן די שרעקלעכע גזרות, וואָס די באַצווינגער און באַדריקער זענען גוזר טאָג־טעגלעך. די ניגונים פון פּרוש ביים אָפּריכטן חצות זענען מורא׳דיק־טרויעריק, און זיינע זיפצן און טרערן ברעכן דאָס האַרץ.

און נאָך דערציילט מען וועגן פּרוש: גאַנץ אָפט ביינאַכט גייט ער אויפן הייליקן אָרט און טוט תפילה אין די אוהל׳ס און אויף די קברים פון די רבנים־צדיקים. ער וועקט די צדיקים מתפלל־צו־

זיין און צו בעטן רחמים פאַרן כסא־הכבוד אויף די אידן וואָס ווערן גערודפ׳ט און געפּייניקט.

דעם פּרוש׳ס האַרץ איז אָנגעזאַפּט מיט אידישן פּיין. פיל פון די אומגליקלעכע און דערשלאָגענע פון שטעטל קומען צו אים אין פּרושים־שול, און גיסן אויס זייערע צובראָכענע הערצער פאַר אים. זיי בעטן אים מתפּלל צו זיין פאַר זייער־טוועגן, אָדער פאַר זייערע ליבע און נאָענטע.

דער פּרוש שטאַרקט די געמיטער פון די ליידנדיקע און מו־טיקט זיי מיט זיינע ברכות און טרייסט־ווערטער.

ער העלפט אויך אייניקע מיט קליינע געלט־סומען, וואָס ער באַקומט פאַר דעם צוועק פון גוט־האַרציקע, פאַרמעגלעכע בעלי־בתים.

* * *

צייט עס האָט אויסגעבראָכן די שרעקלעכע וועלט מלחמה זענען דעם אַלטן פּרוש׳ס דאגות פאַרפילפאַכט געוואָרן.

אין די גרויסע קאַזאַרמעס אין אונזער שטאָט, ניעסוויזש, שטייען סאָלדאַטן און רעזערוויסטן. צווישן זיי געפינען זיך אַ סך אידן. און וואוהין כאַפּט זיך אַריין אַ אידישער זעלנער אָדער אַ געגומענער אין זאַפּאַס, ווען ער גייט ארויס אין אַ פרייער שעה פון קאַזאַרמע? ער כאַפּט זיך אַריין אין בית־מדרש אָדער אין פּרושים־שול, וואו ער געפינט זיך צווישן ברידער־אידן און וואו ער קען גאָט בעטן פאַר זיך און פאַר זיין הויז־געזינד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ווי אויפן וואַסער, ווען ס׳איז אַרויס דער באַ־פעל צו רעקרוטירן זיך.

דער פּרוש וויזט אַרויס גרויס רחמנות מיט די אידישע „זאַ־פּאַסניקעס״. ער טרייסט זיי און שטאַרקט זייער אמונה, אַז גאָט, דער שומר־ישראל, וואַכט איבער זיינע קינדער, אַז ער איז שטענדיק מיט זיי און וועט זיי אַרויסהעלפן.

אויסער מיט אַ טרייסט־וואָרט העלפט דער פּרוש די אידישע זעלנער מיט וואָס נאָר ער קען. ער קלייבט צונויף פאַר זייערט־וועגן אַ ביסל געלט, זיי זאָלן קענען שיקן הילף צו זייערע פאַמיליעס.

דער פּרוש באַזאָרגט די פרומע זעלנער מיט כשר׳ע שפּייז, זיי זאָלן ניט דאַרפן עסן פון קעסל.

פאַר די אַכט טעג פּסח אָרדנט ער איין פאַר די אידישע זעלנער אַ כשרע קיך לעבן די קאַזאַרמעס, זיי זאָלן ניט מוזן עסן, חלילה, חמץ אום פּסח.

ערב פּסח פאַרנאַכט גייט דער אַלטער פּרוש דורך אין אַלע בתי־מדרשים, צו זען, מ׳זאָל זיך ניט שטעלן דאַוונען מעריב ביז יעדער אידישער זעלנער ווערט איינגעלאַדן צו די צוויי סדרים. ער וויל, אַז זיי, די פאַרוואָרפענע פון זייערע היימען, זאָלן פילן דעם טעם פון יום־טוב אין דער וואַרעמער סביבה פון אַ אידישער היים.

די „זאַפּאַסניקעס" פילן גרויס דאַנקבאַרקייט צום פּרוש, וואָס זאָרגט זיך פאַר זיי ווי אַ געטרייער טאַטע זאָרגט פאַר זיינע קינדער.

און ווען אַ אידישער זעלנער ווערט אַריינגעשטעלט אין רייסטער פון די, וואָס דאַרפן אַוועק אויפן פראָנט, קומט ער אין פּרושים־שול צו נעמען אַ ברכה און זעגענען זיך מיט אַלטן פּרוש.

אָט זע איך ווי עס שטייט לעבן פּרוש אַ זאַפּאַסניק, אַ איד פון אַ יאָר פינף־און דרייסיק. ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי מיט פינף קליינע קינדער. דערצו האָט ער נאָך אַן אַלטן קראַנקן טאַטן, ווענען ער דאַרף אויסהאַלטן. איצט ליידן זיי אַלע נויט און דחקות.

דער זעלנער גיסט אויס דאָס האַרץ פאַרן פּרוש, דערציילט, אַז מ'שיקט אים אַוועק אויף די שחיטה־פעלדער.

דער אַלטער פּרוש איז אַליין אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, צע־בראָכן. זיין פּנים איז בלאַס און די אויגן פול מיט צער, אָבער ער טרייסט און מוטיקט דעם אידן.

ער נעמט אַריין דעם זעלנערס האַנט אין זיין וואַרימער האַנט, דריקט זי אַ לאַנגע צייט מיט ליבשאַפט. ער בענטשט דעם זעלנער און שטאַרקט זיין געמיט. ער דערמאַנט אים, אַז גאָט־ברוך־הוא פאַרלאָזט ניט די, וואָס האָפן צו אים, און אויך אין די שווערסטע שעה'ן טאָר אַ איד זיך ניט מיאש־זיין פון רחמים.

דער פּרוש לייגט אַריין שטילערהייט אין דעם זעלנער'ס קע־שענע אַ ביסל מינץ, דריקט ווידער זיין האַנט. זאָגט בעת־מעשה דאָס קאַפּיטל תהילים: „אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי", (איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?) און זעגנט זיך מיט אים מיט די ווערטער: „ד' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם". (גאָט וועט היטן דיין גיין און קו־מען, פון אַצינד און ביז אייביק).

נאָכדעם ווי דער זעלנער קושט די ספרי־תורות, זיצט אַ ווילע אויפן באַנק ביי דער טיר, גיט ער אַ קוש די מזוזה און פאַרלאָזט די פּרושים־שול.

דעמאָלט ערשט ברעכן אויס פון פּרוש'ס האַרץ שווערע זיפצן. ער פאַרגיסט זודיקע טרערן, איז מתפלל צו גאָט ער זאָל האָבן רחמים און שיצן די קינדער פון ישראל. און מיט אַ ניגון וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טיפן טרויער בעט ער:

„שומר ישראל, שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל"

„שומר גוי אחד, שמור שארית עם אחד, ואל יאבד גוי אחד".

אָט די תפילה חזרט ער איבער פיל מאָל מיט יענעם ניגון, וואָס מאָנט און בעט רחמים.

אין יעגע יאָרן

דער ווידערקלאַנג פון דער תפילה טראָגט זיך אין חלל פון פּרושים־שול פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

אָט גייט דער פּרוש אַוועק פון פּרושים־שול זיך עוסק צו זיין אין א דבר־מצוה. איך בלייב זיצן איינער אַליין. כ׳בין ווי צוגעשמידט צו מיין אָרט.

אין מיינע אויערן קלינגט אַלץ די תפילה מיט איר מיסטיש טרויעריקן ניגון, אָנגעזאַפּט מיט אהבת־ישראל, וואָס האָט קיין סוף ניט:

„שומר ישראל, שמור שארית ישראל, ואַל יאבד ישראל“...

אדר, תרע״ה

▼

ר׳ קלמן

ווען נאָר עס שווימט אַרויף אין מיין זכרון די געשטאַלט פון דעם אַלטן ר׳ קלמן, קומט צוזאַמען מיט איר אויף די גרויע ציי־נענע פושקע מיט דער גרויסער הענטל. אויף דער פושקע איז אַרויפ־געקלעפּט אַ פאַרגעלט שטיקל פּאַרמעט, אויף וועלכן ס׳איז אויפ־געשריבן מיט סופריש געכתיבה׳טע אותיות: „לחם עניים״!

העכער זעכציק יאָר פלעגט ר׳ קלמן, — וועמען מ׳האָט גע־רופן ר׳ קלמן דער הויכער, ווי אויך קלמן שיינע־חיה׳ס, — גיין יעדן דאָנערשטיק פון שטוב צו שטוב און צוזאַמענעמען אין זיין גרויסער פושקע די קאָפּיקעס, פירערס און זעקסערס, אויף צו באַזאָרגן מיט ברויט די אָרעמעלייט פון אונדזער שטעטל ניעסוויזש.

עס האָבן ר׳ קלמנען ניט צוריקגעהאַלטן די האַרבסטיקע רעגנס, ווען ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטן גרין־טונקעלן דראַפּענעם מאַנטל. אויף די פיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר גרויסע שטיוול, און מיט זיי געטאָפּטשעט אין דער קלעפּיקער, טייגיקער בלאָטע.

עס האָבן אים ניט אָפּגעשטעלט די שניי־שטורעמס אין די בייזע ווינטער־טעג, ווען ער איז געווען אָנגעפּעלצט אין זיין קע־צענעם פוטער און די פיס באַשיצט מיט שווערע, האַרטע וואַליקעס.

ר׳ קלמן איז אויך ניט געבליבן זיצן אין הויז אין דער ברע־נעדיקער תמוז־היץ, ווען זיין הויכע, סטולע פלייצע האָט זיך מיט שווייס באַגאָסן אונטער דעם לייכטן אַלפּאַגענעם רעקל. דער ווייסער, גרויסער העמד־קאָלנער איז אינגאַנצן נאַס געוואָרן אונ־טער דער גרויער, שיטערער באָרד. ר׳ קלמן האָט איילנדיק גע־שטעלט זיינע טריט, קלאַפּנדיק דערביי מיט די קנאַפּל פון די שוואַרצע פּאַנטאָפל.

קיין זאַך האָט ר׳ קלמנ׳ען ניט צוריקגעהאַלטן. יעדן דאָנער־שטיק, האָט זיך ביים אַריינגאַנג פון הויז באַוויזן דער אַלטער ר׳ קלמן מיט זיין לחם עניים פושקע. מיט די מילדע בליקן פון זיינע גרויסע העל־ברוינע אויגן, און מיטן דינעם שמייכל אויף זיינע גרויע וואָנצן, האָט ער אויפגענומען די פאָר קאָפּיקעס, וואָס די שטוביקע האָבן מיט אַ האַרציקער צופרידנקייט אַריינגעוואָרפן אין זיין פושקע.

ס׳האָט זיך געדוכט: אין דעם בורא׳ס מחשבה איז עס געווען צו באַשאַפן ר׳ קלמנען צוזאַמען מיט זיין פושקע. באַנאַנד זענען זיי אויף דער וועלט געקומען. און אַזוי זענען זיי אויף אייביק געבליבן פאַרבונדן צוזאַמען אין דעם באַוואוסטזיין און אין זכרון פון די איינוואוינער פון אונדזער שטעטל ניעסוויזש.

אין מיינע קינדער־יאָרן האָט שוין ר׳ קלמן דער הויכער, וואָס איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין, געהאַלטן ביי קרוב צו שמונים.

ער איז אָבער נאָך געווען קרעפטיק. די אויגן זיינע ליכטיק און דאָס אויער וואַכיק.

דעם מסחר פון תבואה, פון וועלכן ער האָט זיין גאַנץ לעבן געצויגן חיונה, האָט ר׳ קלמן איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין זון, ליפּע. ער אַליין האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט צדקה־עניינים מיט וואַכזאַמקייט און ענערגיע פון אַ יונגען מאַן.

ר׳ קלמנ׳ס שטאָט אין אַלטן בית־מדרש האָט זיך געפונען אין דעם דרום־מערב׳דיקן ווינקל, לעבן דער גרויסער קאַכליאָווער הרובע. אַ קליינער, פירקאַנטיקער טישל איז דאָרט געשטאַנען, און איבער אים איז געהאַנגען אַן אַלמער מיט ספרים.

אָט דער טישל איז עס געווען ר׳ קלמנ׳ס „קאַבינעט״. דאָרט האָט ר׳ קלמן געפירט אַלע זיינע צדקה־עניינים.

צו דעם טיש זענען אין די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן געקומען די אביונים פון שטעטל, און ר׳ קלמן פלעגט עפענען די פושקע און געבן זיי אויף ברויט.

פאַר פסח איז ר׳ קלמן געווען גאָר באַזונדער פאַרנומען. דאַן פלעגט עוזר דער „שרייבער״ קומען אים אַרויסהעלפן. „דער קאַבי־נעט״ איז געווען אָפן אַ גאַנצן טאָג, און ר׳ קלמן מיט נאָך אַ פּאָר אָנגעזעענע בעלי־בתים, האָבן פאַרטיילט „מעות חטים״ צו די נויט־באַדערפטיקע.

די לעצטע צוויי טעג פאַר פסח האָבן די אָרימע לייט געהאַלטן אין אַריינגיין און אַרויסגיין פון אַלטן בית־מדרש, פון ר׳ קלמנ׳ס „קאַבינעט״. עוזר דער שרייבער פלעגט לויט די אָנווייזונגען פון ר׳ קלמנ׳ען, וואָס האָט געגעבן געוואוסט יעדנס לאַגע און די גרויס פון זיין הויז־געזינד, אַרויסגעבן זיי צעטלעך געשריבענע אין לשון־קודש אין אַזאַ נוסח: „לוג יין לאַרבע כוסות לר׳ פלוני בן פלוני״.

מיט אָט די צעטלעך זענען די אָרעמעלייט געגאַנגען צו יודל ליפשיץ אָדער צו משה־הירש גינזבורג (יאַבראַווס אײדים), די וויינערס, און באַקומען וויין אויף אַרבע כוסות.

חול־המועד פלעגן די וויינערס ברענגען די צעטלעך צו ר׳ קלמנ׳ען און באַקומען פאַר זיי מזומן.

* * *

לעבן דעם קליינעם טישל, „דעם קאַבינעט״, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, און פון ביידע זייטן לאַנגע, פשוטע הילצערנע בענק. אַרום אָט דעם טיש, וואָס מ׳האָט גערופן „ר׳ קלמנ׳ס טיש״, פלעגן טאָג־טעגלעך, אין די פרימאָרגנ׳ס באַלד נאָכן דאַווענען, און אין די פאַרנאַכטן בין מנחה למעריב, זיך אַרומזעצן די פשוטע אידן צווישן די דאַווענערס פון אַלטן בית־מדרש. די מערסטע פון זיי בעל־מלאכה׳ס: שוסטער, שניידער, מוליאַרעס, טשעסליאַרעס. דאָס זענען געווען אידן תמימים, גאָטספאַרכטיקע, וואָס האָבן געגאַרט

צו לערנען און הערן אַ הייליק וואָרט. ר׳ קלמן האָט מיט זיי געלערנט אין דער וואָכן אַ פּרשה חומש מיט רש״י, אַ פּרק משניות און עין יעקב. אין די שבתים פאַר מנחה געזאָגט פאַר זיי מדרש. פאַר יעדן יום־טוב דורכגעלערנט די דינים אין „חיי אָדם״.

אין אַלע זיינע וועגן און פירונגען אין עבודת־הבורא: ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט באַזאָרגן די אָרימעלייט מיט ברויט, לערנענדיק מיט זיינע תלמידים פון המון־עם, און ווען ער פלעגט דאַווענען פאַרן עמוד „מוספים״ אום ראש־השנה, אָדער כל נדרי אין דער יום־כפור־נאַכט, פלעגט זיך ר׳ קלמן אויפפירן זייער איינפאַך. ס׳איז ניט געווען צו מערקן אין אים אפילו קיין סימן פון איבערנעמען זיך, אַ קווינט פון גאווה, אָדער אפילו אַ שאָטן פון האָפּערדיקייט.

* * *

ר׳ קלמן האָט געדאַוונט מיטן ותיקין־מנין. שמחת־תורה נאָכן דאַווענען, איז דער גאַנצער מנין געגאַנגען צו ר׳ קלמנ׳ען אויף קידוש.

דער טאַטע מיינער, וואָס איז געווען דער בעל־קריאה אין אלטן בית־מדרש, פלעגט אויך דאַווענען בהשכמה. און שמחת־תורה בין איך תמיד מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן צו ר׳ קלמנ׳ען אויף ברכה מאַכן.

דער קידוש ביי ר׳ קלמנ׳ען אין הויז האָט מיר פאַרשאַפט גרויס נחת־רוח, און ביזן היינטיקן טאָג העלט ער אין מיין זכרון ווי אַ שיינענדיקער ליכט.

ניט אַזוי דער כיבוד, ווי די אמת׳ע שמחה פון יום־טוב, וואָס האָט זיך געפילט ביים קידוש. ווי ליב און האַרציק איז געווען צו זען ווי ברידער זיצן צוזאַמען און זינגען הייליקע ניגונים און פאָלקס־געזאַנגען!

ביי ר׳ קלמנ׳ס אַ קידוש האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט זינגען די הושענא: „אום אני חומה״, האַלב אין לשון־קודש און האַלב אין אידיש:

„אָבער אַ מעלה, ווידער אַ מעלה:
אום אני חומה.
אָבער אַ מעלה, ווידער אַ מעלה:
ברה כחמה.
כאַטש, כאַטש, כאַטש,
גולה וסורה.
פאַרט, פאַרט, פאַרט
דמתה לתמר״.

נאָך אַ פאָלקס־ליד, געזונגען האַלב אין אידיש און האַלב אין רוסיש, האָב איך זיך אויסגעלערנט ביי ר׳ קלמנ׳ען אין הויז, ביי אַ שמחת־תורה־קידוש:

„אַך טי יצר הרע!
דו טויגסט אויף אַ כפרה;
ניע טאָרגויעש, ניע קופויעש,
טאָלקאָ ליודיי סקויעש.
ניע טאָרגויעש, ניע קופויעש
טאָלקאָ ליודיי סקויעש״.

אָט דאָס רייצן זיך מיטן יצר־הרע, וואָס זוכט אַריינצונאַרן אידן גלויביקע אין זיין נעץ, אָבער ס׳געלינגט אים ניט צו טאָן מיט זיי קיין מקח און ממכר, — האָט ביי מיר שטאַרק אויסגענומען.

שמואל־יאָסל ספּיוואַק, דער שוסטער, פלעגט זיך דערמאָנען דעם חזן מאיר לידערס ניגונים און זינגען האַרציקע שטיקלעך פון זיין „קדושה״ און פון „זכרונות״ פון ראש־השנה׳דיקן מוסף.

א יום־טוב׳דיקע זיסקייט איז געווען צעגאָסן איבער ר׳ קלמנ׳ס געזיכט. זיינע העל־ברוינע אויגן האָבן געשטראַלט. אַ שמייכל פון גייסטיקער הנאה האָט געשוועבט אויף זיינע וואָנצעס, זיך צושפּרייט

איבער די גלאַטע באַקן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אַ פּאָר לאַנגע שיווע פּאות, און זיך אַראָפּגעגליטשט אין זיין ווייסער, שי־טערער באָרד אַריין.

* * *

שמחת־תורה נאָך האַלבן טאָג. אַ סך פון די שטאָטישע בעלי־בתים זענען נאָך געזעסן ביי די יום־טוב טישן און זיך געקוויקט מיט די באַטעמטע געריכטן. די חסידים, וואָס האָבן געדאַוונט אין קוידענאָווער שטיבל, זענען נאָך אַרומגעגאַנגען בגילופינ׳דיק איבער די הייזער פון די „אַנשי־שלומם״ און אַרויסגענומען די קוגלען פון די אויוונס. אין יענער שעה פלעגט שוין ר׳ קלמן אַריינקומען צו אונדז אין שטוב, מאַכן אַ הויכן געציקלטן: „מי שברך... בעבור שנדר חצי פוד לחם ללחם עניים״.

מ׳בעט ר׳ קלמנ׳ען ער זאָל זיך זעצן צום טיש. מ׳וויל אים מכבד־זיין מיט קידוש. אָבער דער אַלטער ר׳ קלמן זאָגט זיך אָפּ דערפון. דער טאָג איז קורץ, און די הייזער, וואו ער דאַרף נאָך היינט זיין און מאַכן דאָרט זיינע מי שברך׳ס, זענען נאָך אַ סך, אַ סך.

אויך אין די יום־טוב׳דיקע טעג האָט ר׳ קלמן ניט פאַרגעסן זיינע אָרימע ברידער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף זיין הילף, און פלעגט מאָנען פאַר זיי ביי דער העכסטער פרייד אום שמחת־תורה.

▼

די צוויי גבאיטעס

פון צווישן די אַנדערע גבאיטעס, וואָס זענען געווען ביי אונדז אין שטאָט, האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט מיט זייער פּער־זענלעכקייט, און אָנגעזען מיט זייערע גוטע מעשים די צוויי גבאי־טעס: באָשע און פּערלע.

באָשע די גבאיטע איז געווען אַ פרוי מיט אַ פּאַרנעם: הויך־געוואַקסן און פעסט געבויט. אויף דער עלטער איז זי נאָך געגאַנגען גלייך ווי אַ סטרונע. ס'איז אין איר גאַנצן וועזן געווען פון דער פעסטקייט פון איר גרויסן, דריי־שטאָקיקן מויער, וואָס איז גע־שטאַנען אויפן ראָג פון ווילנער־און־שול־גאַסן און האָט זיך טאַקע גערופן אויף איר נאָמען: באָשעס מויער.

באָשעס געזיכט־ציגן זענען געווען ברייט־געפורעמט, מענע־ריש, און פון צווישן זיי האָבן אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן.

באָשע האָט כמעט שטענדיק געטראָגן טונקעלע קליידער. ס'רוב איז זי געווען איינגעהילט אין אַ ברייטער רעטאָנדע. אויפן קאָפּ ביי איר אַ שוואַרצע הייבל, באַצירט מיט אַ בינטל האַנט־געמאַכטע בלומען. אירע קליידער האָבן איר צוגעגעבן חן און חשיבות.

באָשע'ס גאַנצע האַלטונג און באַנעמונג האָבן אַרויסגערופן צו איר אַכטונג און האָבן עדות געזאָגט, אַז באָשע איז באַשאַפן צו זיין אַן אויפטוערן פון גרויסע זאַכן.

באָשע די גבאיטע האָט זיך שטאַרק פאַרנומען דער עיקר מיט אַזעלכע מצוה־ענינים, וואָס האָבן געפאָדערט גרויס אויפטו.

האָט געטראָפן, אַז די געשעפטן פון אַ שיינעם בעל־הבית אין שטאָט זענען אַוועק שלעכט און ער איז געוואָרן אַ יורד, און

ס׳איז נויטיק געווען צו שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט צו שטעלן אים צוריק אויף די פיס, — האָט באַשע אויף זיך גענומען אָט די מצוה. זי האָט ניט גערוט. זי האָט געזוכט און געפונען וועגן און מיטלען, ביז זי האָט דעם יורד אויפגעשטעלט.

ווען אַ כלה פון אַ יחוס׳דיקער משפחה האָט געדאַרפט גיין צו דער חופה און דער טאַטע אירער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו סילוקן דעם צוגעזאָגטן נדן, האָט שוין באַשע געזען, אַז די חופה זאָל ניט אָפּגעלייגט ווערן. זי האָט געוואוסט צו וועמען זיך צו ווענדן פאַר „הכנסת כלה״ און האָט שוין איינוועגס געשאַפן געלט פאַר חתונה־הוצאות.

צו יעדער וויכטיקער קהל׳שער מצוה, צו וועלכער עס האָט זיך געפאָדערט אונטערנעמונג, ווי למשל, ווען מ׳האָט געדאַרפט פאַר־ריכטן די באָד, וואָס האָט געהאַלטן כסדר אין איינפאַלן; אָדער להבדיל, בויען אַ שול, אָדער נאָך אַ חדר פאַר דער תלמוד־תורה, האָבן די שטאָט־גבאים שטענדיק צוגעצויגן באַשע די גבאיטע, זי זאָל זיי מיטהעלפן און באַשע האָט שוין געטאָן איר טייל באמונה.

צו באַשע׳ס אַן עצה האָבן זיך די שטאָט־מנהיגים צוגעהערט און מיט איר וויכטיקער מיינונג האָט מען זיך גערעכנט.

אויף די אַלע גבאות־זאַכן, מיט וועלכע באַשע האָט זיך אָפּגע־געבן, איז געלעגן דער שטעמפּל פון אויטאָריטעט, וואָס אַזעלכעס מערקט מען נאָר אין די מעשים פון אָנגעזעענע בעלי־בתים און כלל־טוער.

ווען כ׳פלעג אינגלווייז אָנטרעפן באַשען, ווען זי פלעגט גיין אין גאַס מיט נאָך אַן אָנגעזעענער בעל־הבית׳טע אין גבאות, האָב איך זיך שטענדיק אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט איר מיט גרויס יראַת־הכבוד.

כ׳האָב אויך געוואָלט זען צו טראָגט באַשע אין האַנט אַ שיינעם שטעקן, ווי עס טראָגן, געוויינטלעך, די אַלטע שיינע בעלי־

בתים און די שטאָט־גבאים. כ׳האָב געפילט, אַז פאַר באַשען פּאַסט צו גיין מיט אַזאַ שטעקן.

כ׳בין אָבער תמיד געבליבן אַן אַנטווישטער, און כ׳האָב אין האַרצן געפילט אַ פאַרדראָס. מיר האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע קריוודע, דאָס, וואָס באַשע האָט ניט קיין שיינעם שטעקן. כ׳בין געווען זיכער, אַז ס׳ווערט באַגאַנגען אַן עולה קעגן אַזאַ פיל־גע־אַכטעטער, חשובער פרוי, ווי באַשע די גבאיטע, וואָס גיט אָפּ איר גאַנצן לעבן פאַר וויכטיקע שטאָטישע ענינים און פאַר צדקה און מעשים טובים.

* * *

פּערלע די גבאיטע, די גוטע מאַמע פון די אָרעמע אין אונדזער שטאָט, איז געווען דאַר און קליינגעוויקסיק. זי איז אָבער פון גאָט געווען געבענטשט מיט אַן אונערשעפּלעכן קוואַל פון ענערגיע. אויך אין איר טיפן עלטער איז זי געווען פול מיט לעבן, זשוואַוו און רירעוודיק. אירע גרוי־בלויע אויגן האָבן קינדיש־ליכטיק אַרויסגע־שיינט פון דער ראַם פון איר דאַרן, אַ ביסל צעקנייטשטן פּנים.

פּערלע איז קיינמאָל ניט געווען אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק. אַ גרויסע וואָלענע פאַטשיילע, פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ, האָט צוגע־דעקט איר שווערן בורנעס ווינטער־צייט. זומער־צייט האָט זי גע־טראָגן אַ טוכענע טיכל איבער איר סיצענע קלייד און יאַקל.

פּערלע האָט קיינמאָל ניט גערוט. מ׳האָט איר תמיד געזען אויף דער גאַנג. פאַרטאָן און פאַרהאַוועט אין צדקה־זאַכן. אויסער דעם איז זי געווען די שפּייזערין פון איר אייגענער הויזגעזינד. זי האָט געהאַט אַ שפּייז־קראָם. פּערלע איז געווען אַ גרויסע בריה אויף פּרעגלען אַלערליי פּרוכטן און מאַכן איינגעמאַכטסן. פּערלעס וואַרעניע האָט געהאַט אַ נאָמען אין גאַנץ ניעסוויזש און אין דער סביבה. האָט טאַקע פּערלע צוגעשטעלט אַלערליי מינים פּרוכטן

און איינגעמאַכטסן אויך אין „שלאָס" פון פירשט ראַדזיוויל. פון דעם בעיקר, האָט זי געצויגן די חיונה.

* * *

כדי צו העלפן אַן אָרימען, איז פאַר פּערלען קיין זאַך ניט געווען צו שווער. מ'האָט איר שטענדיק געזען אַרומגיין אין די פאַר'חושכ'טע געסלעך צו ברענגען הילף צו די אומגליקלעכע און נויטבאַדערפטיקע.

פּערלע האָט זייער געהאַלטן פון „מתן בסתר". האָט זי שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז דער, פון וועמען זי באַקומט געלט אויף צו שטיצן אָרימעלייט, זאָל ניט וויסן ווער עס באַקומט עס, כדי אַז דער אָרימער ברודער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן, ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיין שטיצער און אַרויסהעלפער. פּערלע האָט אַלץ באַזאָרגט מיט גרויס מיטגעפיל פאַר די ליידנדיקע.

קעלט און היץ, שלאַקסרעגנס און שניי־זאַווערוכעס האָבן פּערלען ניט צוריקגעהאַלטן פון דערפילן אירע מצוה־שליחות.

פּערלע האָט אַריינגעגעבן קראַנקע אָרימעלייט אין שטאָט־שפּיטאָל, אָדער ווי מען האָט עס גערופן „הקדש", און באַזאָרגט די חלאים מיט רפואות.

פּערלע האָט זיך געזאָרגט פאַר די אָרימע קימפּעטאָרינס, גע־זען זיי זאָלן האָבן גוטע פלעגע, הינער־יויך און טאַקע אַ שטיקל עוף אויף צו קרעפטיקן זיך. זי האָט געזאָרגט פאַר דעם, אַז אָרעמע כלות זאָלן האָבן אויף נדן און אויף אויסשטייער. פּערלע האָט זיך מיט זיי אויך משמח געווען אויף די חתונות.

פּערלעס הויפּט־זאָרג איז געווען פאַר אָרימע אַלמנות און זייערע יתומים. זי האָט געזען, אַז די יתומים וואָס גייען אין תלמוד־תורה זאָלן האָבן וואָס צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן.

פּערלע האָט אירע אָרימע שוועסטער געדינט ווי אַ גוטע, געטרייע מאַמע ניט נאָר ביים לעבן, נאָר אויך ביים טויט. זי, פּערלע,

האָט מיט זיי געזאָגט ווידוי פאַרן טויט. זי האָט זיי באַגלייט צו זייער אייביקער רו, און זי, טאָקע, פערלע, האָט זיי אַריינגעלייגט אין קבר.

* * *

פערלע איז געווען אמת פרום. זי האָט אין זיך ניט געהאַט קיין סימן פון צביעות. וואָס געזאָגט — דאָס געמיינט. זי האָט ניט גע־שאָנעוועט די רייכע און יחסנים.

מ׳האָט דערציילט וועגן פערלע דער גבאיטע אַזאַ מין מעשה:

ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן, און אין ניעסוויזש האָבן די מענער די „אַריסטאָקראַטן״, זיך גענומען אָנטאָן אין קור־צע רעקלעך און זייערע פרויען און טעכטער אין קורצע קליידער, האָט פערלע אָנגעטראָפן אין גאַס אַ טאָכטער פון איינעם פון די שענסטע בעלי־בתים פון שטעטל, און דערזען, אַז זי האָט קורצע אַרבל אין איר יאַקל, וואָס גרייכן קוים ביז די עלנבויגנס. רופט זיך אָפּ צו איר פערלע: „טאָכטער מיינע, דיר מוז זיכער זיין קאַלט גייענדיק מיט נאַקעטע הענט. זיי אַזוי גוט און זאָג דער מאַמען דיינער, אַז פערלע האָט דיר געהייסן זאָגן, אַז אויב זי האָט ניט געהאַט, חלילה, פאַר וואָס צו קויפן גענוג צייג צו מאַכן פאַר דיר לענגערע אַרבל, זאָל זי קומען צו פערלע דער גבאי׳טע, וועט זי שוין איר באַזאָרגן״.

יענע אַריסטאָקראַטישע מאַמע האָט ניט פאַריבל געהאַט אויף פערלען פאַר איר מוסר זאָגן, און האָט זיך ניט באַליידיקט. זי האָט גענומען אין אַכט פערלעס „אָנצוהערעניש״ און געמאַכט די אַרבל פון איר טאָכטערס יאַקל אַ ביסל לענגער.

אַלע אין שטאָט האָבן גוט געקענט פערלען, געוואוסט אַז זי איז אויפריכטיק, און האָבן איר געאַכט פאַר איר צדקות. מ׳האָט פערלען מכבד געווען און טייער געהאַלטן ווי מ׳האַלט טייער אַן אייגענע מאַמען.

* * *

און דוקא פּערלע דער גבאיטע, וואָס איז געווען אַזוי אָפּגעהיט און ניט געהאַלטן פון קיין נייסן, איז עס באַשערט געווען אריינ־צוברענגען אַ נייס אין אונדזער שטעטל, צו גורם־זיין, אַז מ'זאָל אין אידישע הייזער אָנהויבן עסן אַ נייעם מאכל: — „ט אָ מ אַ ט ן".

דער ענין מיט די טאָמאַטן איז אין זיין צייט געווען „אַ געשעעניש", ווען וועלכער מ'האָט פיל גערעדט אין שטאָט, און פּערלע האָט געהאַט פון דעם אויסצושטיין זלזולים פון אידענעס רכילות'ניצעס.

די מעשה מיט די טאָמאַטן איז אַזוי געווען: פּערלע, וואָס איז צוליב איר וואַרעניע, געווען אַן איינגייערין אין „שלאָס" פון פירשט ראַדזיוויל, האָט דאָרט אָפּט באַמערקט ליגנדיק אויפן שוועל פון קיך־פענצטער עפּעס א נייע מין פרי, וואָס האָט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ געקאָרבטער עפּל. צייטנווייז האָט די פּרי געהאַט אַ בלאַס־גרינלעך קאָליר; אַמאָל האָט עס אויסגעזען האַלב־רויטלעך, האַלב־גרינלעך, און אַן אַנדערש מאָל איז עס געווען אינגאַנצן רויט. האָט פּערלע זיך גענומען צוקוקן וואָס די קוכערס טוען מיט דער פּרי, האָט זי געזען אַז מ'נוצט עס אין אַ סך פּאַטראַוועס, און מ'עסט עס רויערהייט און געקאָכט.

פּערלע, וואָס האָט זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פרעגלען אַלערליי פרוכטן, האָט זיך גענומען נאָכפרעגן ביי די מענטשן פון שלאָס וואָס פאַר אַ מין פּרי איז עס. האָט דער הויפּט־גערטנער איר געזאָגט, אַז דאָס זענען „פּאָמידאָרן". ער האָט פּערלען אַוועקגעפירט אין גרויסן גאָרטן פון שלאָס און געוויזן די בייטן וואו די פּאָמידאָרן וואַקסן. ער האָט פּערלען געוויזן ווי מ'פּאַרזייט עס און ווי מ'דאַרף אויף דעם אַכטונג געבן.

האָט פּערלע אַ פרעג געטאָן דעם גערטנער: „זאָג מיר נאָר, האַרציקער, אפשר ווייסטו צו דער מין פּרי איז אַ כשר'ע? צו מעג אַן אונדזעריקער עס עסן?"

האָט דער גערטנער, ווען פּערלע האָט געקענט פאַר זייער אַן אָרנטלעכן און באַגלויבטן גוי, איר דערציילט און געשוואָרן אויף זיין „האָנאָר" וואָרט, אַז די פּאָמידאָרן זענען כשר. ער ווייסט זי־כער, האָט ער געזאָגט, אַז די אידן אין די געגנטן פון וואַרשע, בריסק און פּינסק זייען זיי אַליין אין זייערע גערטנער און עסן זיי פּונקט ווי מ׳עסט קאַרטאָפל.

דער הויפּט־גערטנער האָט דאַן מיטגעגעבן פּערלען אַהיים דריי טאָמאַטן אויף צו פאַרזוכן.

פּערלע האָט אַהיים געבראַכט די רייפע, רויטע טאָמאַטן, האָט איינע פון זיי אָרומגעוואַשן, צושניטן אויף שטיקלעך, געמאַכט אַ ברכה און „שהחיינו", האָט עס פאַרזוכט און זיך אָנגערופן צו אירע טעכטער: ס׳איז אָנגעגאָסן מיט אַ געשמאַקן ווייניקן זאַפט, וואָס איז מחיה נפשות. האָט פּערלע מכבד געווען אירע קינדער מיט שטיקלעך פּאָמידאָרן, מיט דעם נייעם וואונדער־מאכל, וואָס אי פירשטן, אי פשוטע אידן, עסן עס, און די קינדער האָבן זיך אויך מחיה געווען.

פּערלע האָט אינגיכן אָנגעהויבן ברענגען פון שלאָס די נייע זאַפטיקע פּרות, די טאָמאַטן, און האָט זיי פאַרקויפט צו אירע קונים, צו די בעלי־בתישע טעכטער, וואָס פלעגן אַריינקומען צו איר אין שפּייז־קראָם.

האָט זיך איבערן שטאָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז פּערלע די גבאיטע קאָרמעט אַן די אידן פון ניעסוויזש מיט גוישע פּרות, וואָס זי ברענגט פון שלאָס, מיני פּרות וואָס אונדזערע אָבות־אָבותינו האָבן עס ניט געגעסן. אַ פּאָר רכילותניצעס און אַזוי פאַר־פרומטע אידענעס האָבן באַלד אַליין גע׳פּסקנט, אַז דאָס זענען טריפה־פּרוכט, וואָס טאָרן אין אַ אידישע הויז ניט אַריינקומען.

איז פּערלע איינמאָל געגאַנגען אַהיים פון שלאָס און געטראָגן אַ קליין קערבל מיט טאָמאַטן. אויפן וועג האָט זי געדאַרפט פאַר־

בייגיין נחמן קליאַטשקינס גאַסט־הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג פון דער שיינער, „פּאָטשטאָווער״ גאַס. איז דאָן געזעסן אויפן גאַניק פון גאַסט־הויז נחמנ׳ס אַלטע מוטער, איטע־מלכה. זי איז געוועזן אַ זייער פרומע פרוי, אַ וואוילקענעווודיקע, אַ זאָגערין אין דער ווייבערשער שול, די עזרת־נשים פון מאַרק־שול.

ווען איטע־מלכה האָט דערזען אין פערלעס האַנט דאָס קוישל מיט די ביי־מאָדנע טרפה פרות, האָט זי די ערשטע זאַך אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, אויסגעשפּיגן און געזאָגט „שקץ תשקצנו״. און צו פערלען האָט זי זיך אָנגערופן: „פערלע קרוין, צו אַלעם ערשטן פאַרדעק וואָס־גיכער מיטן טיכל די טרפה׳נע פרות, אַז מיינע אויגן זאָלן זיי נישט אָנקוקן, און דו אַליין קום אַהער פאַר אַ ווײַלע, וועל איך דיר עפּעס זאָגן״.

פערלע האָט זיך צוגעזעצט אויפן גאַניק, און איטע־מלכה האָט איר שטאַרק אויסגערעדט: „ס׳וואונדערט מיר אויף דיר, פערלע קרוין, און כ׳קען גאַר נישט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך! ביסט דאָך אַן אשה צנועה, אַ פרומע און גוטע אידישע טאָכטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מצוות און מיט מעשים טובים, טאָ ווי איז דאָס ביי דיר רעכט צו אָנקאַרמענען זיך אַליין און די קינדער דיינע מיט טריפות, און נאָך, שונאי ישראל, ברענגען זינד אויף אַנדערע אידישע טעכטער, און טרפה מאַכן אידישע הייזער?!״

ס׳האָט ניט געהאָלפן פערלען איר טענהן און פאַרענטפערן זיך, אַז זי האָט בעפאָר גוט אויסגעפאָרשט דעם גערטנער פון שלאָס, וואָס זיין וואָרט איז הייליק, און אויף זיין עדות זאָגן קען מען שטעלן, און ער האָט איר פאַרזיכערט אַז די פּאָמידאָרן זענען כשר ממש ווי קאַרטאָפל.

איטע־מלכה האָט פערלען ניט געלאָזן זיך פאַרענטפערן און איר ניט געוואָלט פאַרגעבן, ביז פערלע האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט

מער ניט פאַרקויפן די פּאָמידאָרן, ביז דער רב און בעלי־בתים וועלן ריכטיק אויסגעפינען צו די פּרות זענען כשרע.

און כך־הוה: דורך די סוחרים פון ניעסוויזש, וואָס פאָרן צו־ליב געשעפט קיין וואַרשע, קיין בריסק, קיין פינסק, האָט דער רב געניי אויסגעפונען און פעסטגעשטעלט, אַז די טאָמאַטן זענען כשרע פּרות, און אַז אידן עסן זיי און פאַרזייען זיי אין די גערטנער.

פון דאַן אָן האָבן די אידן פון ניעסוויזש גענומען עסן די טאָ־מאַטן און די אידענעס, די רכילותניצעס, האָבן אויפגעהערט צו באַריידן פּערלע די גבאיטע.

פּערלע האָט ווידער גענומען ברענגען די טאָמאַטן פון שלאָס און זיי פאַרקויפט צו אירע קונים.

און ווען דער פרילינג איז געקומען, האָט פּערלע אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, פאַרזייט טאָמאַטן אין איר גאָרטן לעבן „קוי־דענאָווער שטיבל״.

און אַזוי איז פּערלע דער גבאיטע באַשערט געווען צו זיין אויך די ערשטע אין ניעסוויזש, וואָס האָט פאַרזייט טאָמאַטן.

▼

שלמה, דעם פעטער ר׳ חיים־לייזערס איידים

א.

די שבת־סעודות ביים טאַטנ׳ס טיש פלעגן געדויערן לענגער ווי געוויינטלעך און האָבן געהאַט אַ באַזונדער טעם און חן.

דער טאַטע מיינער, וואָס זיין גאַנצע פירונג איז געווען דורכ־געטראַכט און האָט יעדע זאַך געטאָן מיט געדאַנק און מיט האַרץ, האָט געזען אין דעם שבת־טיש איינעם פון די יסודות פון אידישן קיום.

אַ גאַנצע וואָך איז דער טאַטע געווען פאַרנומען מיט מלמדות, צו וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע כוחות און גרויסע פעאיקייטן. אויך אין די אָוונטן האָט ער געגעבן שטונדן אין די שענסטע הייזער פון שטאָט. צוליב דעם האָט אונדזער הויז־געזינד קיינמאָל ניט געקענט עסן מיט אים צוזאַמען קיין מיטאָג און קיין וועטשערע.

דערפאַר אָבער שבת, ווען מיר פלעגן זיך אַלע זעצן צום טיש, און דער טאַטע אויך מיט אונדז אויבנאָן אויף זיין שטול, האָבן מיר זיך ניט געאיילט ביים עסן און האָבן אָנגעיאָגט דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרפעלט אַ גאַנצע וואָך.

צווישן איין געריכט און דער צווייטער האָבן מיר געזונגען בנעימות די שבתדיקע זמירות און ציון־לידער. דער טאַטע אויף זיין שטייגער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין די זמירות און די שירים, האָט זיי צוגעווירצט מיט אַן אייגענעם געדאַנק; געזאָגט דערביי אַ מאמר חז״ל און עס דערקלערט ווי נאָר ער האָט גע־קענט.

ביים שבת־טיש האָט מען ביי אונדז אויך געשמועסט וועגן ענינים, וואָס באַרירן דעם אידישן קיום, וועגן ציוניזם און ארץ ישראל; וועגן די וויכטיקע טאָג־געשעענישן אין לעבן פון די אידן אין די פאַרשידענע לענדער און מדינות; פון די גרויסע מענטשן, וואָס וועגן זיי האָט מען דורך דער וואָך געשריבן אין די בלעטער פון „הצפירה״, וואָס איז צו אונדז אָנגעקומען.

שבת האָבן מיר געעסן ביים לאַנגן טיש, „מיט פליגלען״, וואָס איז געשטאַנען אין גרויסן צימער, וואו אַ גאַנצע וואָך איז געווען דער „חדר״.

דער גרויסער בליך־לאָמפּ, אַראָפּגעצויגן אויף די קייטן, און די שבת־ליכט, באַהעלן די שטוב מיט אַ ליבער ליכטיקייט. די פיר פענצטער פון צימער שטייען ברייט צעעפנט. די ריחות פון גערטנער און סעדער פאַרשמעקן די לופט.

מיר זינגען מיט התלהבות „צור משלו אכלנו״. פון גאַס טראָגט זיך שוין דער ווידערקלאַנג פון די פעסטע טריט, וואָס גייען אין טאַקט, פון די צוויי שוועסטער, די נייטאָרנס, אסתר רבקה און ביילקע, לאה, דער מילכעקערנס טעכטער, וואָס זענען שוין אַרויס אויף שפּאַציר. זייער האַרציק־הילכיקער געלעכטער, אָנגעזאָפּט מיט יוגנט־פרייד, צעגיסט זיך איבערן גאַס.

ווען מיר האַלטן ביים סוף פון די זמירות, אָדער ביים בענטשן, שטעקט זיך אַריין דורך דעם אָפענעם מזרח־פענצטער אַ ברייטע, שוואַרצע שליאַפּע, ארויפגעזעצט אויף אַ געדיכט באַוואָקסענעם פעך־שוואַרצן קאָפּ; ס׳פלאַמען אויף אַ פּאָר קאַרשן־אויגן, ס׳דערזעט זיך אַ קליין שוואַרץ געקרייזלט בערדל און ט׳רוקט זיך אַריין אַ האַלבער גוף פון שלמה, דעם פעטער ר׳ חיים־לייזער׳ס איידים. פון זיין מויל לאָזט זיך הערן אַ מין ניט־קלאָרער זאָג, וואָס מיינט: גוט שבת!

מ׳בעט אים אַריינגיין, כאָטש מ׳ווייס פאָרויס, אַז דאָס בעטן וועט ניט העלפן. שלמה וועט ניט אַריינקומען. און אַזוי איבער־געבויגן, מיט אַ האַלבן גוף אין הויז און אַ האַלבן אין גאַס, אַריינ־געגראָבן מיט די שפּיץ־נעזער פון די שיך אין דעם טינק פון פונ־דאַמענט, און מיט די שפּיצפינגער פון די הענט אָנהאַלטנדיק זיך אָן דעם שוועל פון פענצטער, וועט ער אָפּשטיין אַ שעה און צוויי און האַלטן אין איין שמועסן.

שלמה־יוסף לעווין, וואָס מיר האָבן אים גערופן שלמה, דעם פעטער ר׳ חיים־לייזערס אײדים, א ישיבה־מאַן פון אַ פיינער פאַמיליע פון דער שטעטל אוזדע, איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק. ער איז געזעסן ביים שווער אויף קעסט און האָט געהאַט גענוג צייט פאַר אַלץ. אַ גאַנצע וואָך האָט ער אַריינ־געקוקט אין אַלערליי ביכער, וואָס זענען אים צו דער האַנט געקו־מען, און זיך אָנגעלייענט מיט צייטונגען אין העברעאיש, אידיש און רוסיש. ער איז געווען קלאָר אין דער פּאָליטיק, און איז גרייט געווען צו יעדער צייט צו כאַפּן וועגן דעם אַ שמועס. ווי אַ לעבעדיקע צייטונג איז שלמה אַרומגעגאַנגען צווישן די אידן אין שטעטל, דערציילט און ברייט אַרומגערעדט די נייס פון טאָג. און אין די זומערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטן, ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן ביים שווער אין הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים עק מי־כאַלישאָק, פלעגט ער באַלד קומען צו אונדז אין פענצטער אויף אַ באַזוך.

ווי נאָר מיר פלעגן אָפּבענטשן, האָט שלמה גענומען שמועסן מיטן טאַטן. איז געשפּרונגען פון ענין צו ענין. האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן ציוניזם, צו וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן מיט זיין גאַנץ וועזן, איז באַלד אַריבער צו אַ טייטש פון אַ שווערן פסוק אין תנ״ך, — און אַט רעדט ער שוין וועגן די נייע ווערטער, וואָס בן־יהודה האָט מחדש געווען און פלאָנטערט זיך גלייך אַריין אין

אַ לאַנגען וויכוח וועגן דעם ניקוד פון אַ געוויסן שם אָדער פּועל אין משניות.

שלמה פלעגט זיך גרונטעווען אין דעם ים פון תלמוד און אין די מדרשים, צו אַרויפצוברענגען פון דאָרטן שפּראַך־אוצרות. ער איז געווען דער גליקלעכסטער, ווען ס׳איז אים געלונגען צו אַנטדעקן אויסדרוקן, וואָס מ׳קען זיי אַריינעמען אין די טאָג־טעג־לעכע געשפּרעכן.

שלמה האָט שוין דאַן זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט מנקד זיין דעם משניות. די ששה סדרי משנה מיטן פּירוש „תפארת ישראל״ זענען געלעגן ביי אים אין אונטערשטן שופלאָד, אין קליידער־אַל־מער, וואָס איז געווען פול מיט השכלה־ספרים, גראַבע ווערטער־בי־כער און דקדוק ביכלעך. ער האָט זיי אָפּגעהיט ווי זיין שוואַרצאַפּל פון אויג.

פון טאָג צו טאָג איז דער ערשטער סדר פון משניות „זרעים״ געוואָרן אַלץ מער און מער באַדעקט מיט נקודות אונטער די שורות, און איבער די שורות, און מיט הערות ארום די זייטן פון די בלעטער.

דאָס מנקד זיין משניות — איז געווען איינע פון שלמה׳ס „שוואכקייטן״ און זיין ליבלינג־אַרבעט אין די אַלע תקופות פון זיין לעבן און אין די אַלע גלגולים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

ב.

די פינף יאָר קעסט, וואָס דער פעטער ר׳ חיים־לייזער און די מומע רבקה האָבן צוגעזאָגט זייער אײדים, שלמה, און דער טאָכטער, חיה־רחל, זענען אַריבער. נאָך אַ פּאָר יאָר זענען אַוועק און שלמה האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין פּרנסה.

האָט שלמה גענומען טראַכטן וועגן אַרויספאָרן אין דער גרוי־סער וועלט צו זוכן פּרנסה פאַר זיך און פאַר זיין פרוי. און די

גרויסע וועלט — איר צענטער איז דאָך, ווי באַוואוסט, דאָרט אין אָדעס, וואו ס׳וואוינען אַלע אידישע גדולים, די וואוילבאַקאַנטע חובבי ציון. דאָרטן געפינען זיך אויך די אידישע שרייבער און חכמים, וואָס שלמה האָט זייערע מאמרים „געטרונקען ווי אַ דאָר־שטיקער״.

אין אַ געוויסן טאָג האָט שלמה פאַרלאָזט ניעסוויזש און איז אַוועק קיין אָדעס. ער איז אָפּגעזעסן אין דער גרויסער שיינער דרום־שטאָט עטלעכע חדשים. אמת, קיין פאַרדינסטן האָט ער דאָרט ניט געפונען. די פראַגע פון פרנסה איז ניט פאַרענטפערט געוואָרן. דערפאַר אָבער איז שלמה געקומען פון אָדעס אָנגעפילט ווי אַ מילגרוים.

פון דאַמאָלסט אָן האָט שלמה אין די פרייטיק־צו־נאַכטיקע שמועסן געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן די וואונדער און מערק־ווירדיקייטן, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין אָדעס. און דער וואונדער איבער אַלע וואונדער: — חיים־נחמן ביאַליק!

מיט גרויס התלהבות פלעגט שלמה דערציילן פאַרן טאַטן וועגן זיינע באַזוכן ביים גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער. ער האָט גע־האַלטן אין איין באַטאָנען, אַז ביאַליקס ידיעות אין העברעאיש האָט גאָר קיין עק און גבול ניט. מיט התפעלות פלעגט ער אַרויסזאָגן: „אפילו אין די אַלע תרגומים פון דער תורה איז דאָך ביאַליק קלאָר ווי א איד אין אַשרי!״ שלמה איז ניט מיד געוואָרן פון דערציילן וועגן די וואונדערבאַרע חידושים אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס ער האָט געהערט פון דעם געניאַלן פּאָעט, און וועגן די חידושים, וואָס ער, שלמה, האָט פאָרגעבראַכט פאַר אים, וועלכע פון זיי ביאַליק האָט אָנגענומען, און וועלכע ער האָט פאַרוואָרפן.

אַ לאַנגע־לאַנגע צייט האָט שלמה זיך געטערט מיט יענעם באַ־זוך אין אָדעס און זיך געקוויקט מיט די זכרונות פון די שרייבער,

וואָס ער האָט דאָרט באַגעגנט, און איבער אַלעמען — ביאַליק דער פּאָעט און שפּראַך־גאון.

ג.

און די פראַגע פון פּרנסה איז נאָך געווען ניט פאַרענטפערט. האָט שלמה באַשלאָסן צו עפענען צוזאַמען מיט נאָך אַ מלמד אַ „חדר מתוקן" אין ניעסוויזש.

פאַר ראש־השנה האָבן זיך באַוויזן אויף די ווענט פון די שולן גרויסע מודעות, אַ קול־קורא: קינדער אין חדר־מתוקן אַריין!

די מודעות, וואָס זענען געווען געשריבן אין שלמה'ס נוסח, וואָס ער האָט אין אים אַריינגעגאָסן אַלע חידושים אין לשון קודש, וואָס ער האָט מחדש געווען, — האָבן געלאָזט וויסן וועגן דעם „חדר מתוקן", וואָס די צוויי מלמדים, די שותפים, עפענען, און וואָס פאַראַ נייסן זיי ווילן דאָרט איינפירן. אין די מודעות האָבן זיי, ווי דער שטייגער, אָנגעגריפן די אַלטע מלמדים און זייערע חדרים.

די בעסערע מלמדים פון שטאָט, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט, האָבן אויך ניט געשוויגן.

ערב סוכות זענען דורך זיי אויסגעקלעפּט געוואָרן נאָך גרעסערע מודעות, אין וועלכע זיי האָבן געלאָזט וויסן וואָס פאַר אַ נייסן זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין זייערע חדרים אין דער פּראָגראַם פון לערנען, און ווי די תלמידים וועלן בהדרגה אַריבערגיין פון „חדר צו חדר". אויף די זילזולים האָבן די מלמדים אָפּגעענטפערט אויף זייער שטייגער מיט אַ ווערטער־שפּיל, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען אַן אָנצוהערעניש אויף דער לאַ־יוצלח'דיקייט פון די גרינדער פון „חדר מתוקן".

דער „חדר מתוקן", וואָס שלמה האָט געגרינדעט צוזאַמען מיט זיין שותף, האָט זיך טאַקע לאַנג ניט געהאַלטן. נאָר פון דאַן אָן האָבן זיך עטלעכע „בין־הזמנים'ס" באַוויזן אין די שולן מודעות

און אויפרופן וועגן נייע חדרים מתוקנים, וואָס שלמה האָט גע־וואָלט עפענען, און קעגן־מודעות פון די אַנדערע מלמדים.

סוף כל סוף האָט שלמה זיך מיאש געווען פון ווערן אַ לערער פאַר קליינע קינדער, אַ פּראָפעסיע, צו וועלכער ער איז ניט גע־ווען פעאיק, און האָט זיך פון דעם צוריקגעצויגן.

ד.

די יאָרן זענען געגאַנגען. שלמה איז שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי חנ׳עוודיקע מיידעלעך און פון אַ בן־יחיד, וואָס האָט זיך גע־פעלט, ווען ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר. דער טויט פון זייער זון האָט אינגאַנצן דערשלאָגן די עלטערן. אין שלמה׳ס פעך־שוואַר־צע האָר פון קאָפּ און באָרד האָבן זיך באַוויזן פאַר דער צייט פיל גרויע פאַסמעס. זיין רוקן איז געוואָרן געבויגן.

ער האָט געהאַט אַ פאַר לעקציעס. פון דעם האָט זיך די משפחה זיינע דערנערט אין גרויס דחקות. ווען ניט די מומע רבקה, וואָס האָט אַ ביסל אונטערגעשטיצט דער טאָכטער, וואָלטן זיי געליטן הונגער.

אָבער שלמה׳ס ליבשאַפט צו ארץ ישראל און צו העברעאיש איז אַלץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרן.

אַזוי ווי נאָך דער חתונה, האָט ער אויך איצט אַ סך געלייענט אין די ציטונגען און האָט דערציילט די נייס צו די אידן פון שטעטל. און ווען ער האָט געלייענט, אַז אַ נייע קאָלאָניע איז געגרינדעט גע־וואָרן אין ארץ ישראל, איז ביי אים געווען יום־טוב.

און דאַן זענען אָנגעקומען די גרויסע טעג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

ווער ס׳האָט ניט געזען שלמה׳ן אין יענע טעג, האָט ניט געזען אַ גליקלעכן, אויפגעריכטן מענטשן.

שלמה, ווי טויזנטער אַנדערע אידן, האָט אין דער דעקלאַראַ־

ציע געזען די „אַתחלתא דגאולה״. ער איז געווען זיכער, אַז אָט־אָט ווערט אויפגעשטעלט די אידישע מלוכה.

מיט גרויס התלהבות פלעגט שלמה דרש׳ענען אין שול וועגן ציון דער אויפגעבויטער, וועגן די אויסדערוויילטע פון פאָלק, ווייצ־מאַן און סאָקאָלאָוו, וואָס דער ערשטער וועט גאָר אינגיכן ווערן דער אידישער פרעזידענט און דער צווייטער — דער ראש פון די מיניסטאָרן. שלמה פלעגט ריידן מיט צאָרן און שטורעמען קעגן די אַסימילאַטאָרן און קעגן די חברים פון „בונד״, וועלכע נעמען זיך אַרויס פון כלל ישראל.

און ווען שלמה האָט שבת אָדער יום־טוב געדאַוונט פאַרן עמוד אין דער מיכאַלישקער שול, האָט ער געזונגען מיט אַ פריידיקער התלהבות „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״. שלמה׳ס אויגן האָבן געלויכטן און געגאָסן טרערן פון שמחה.

און די מומע רבקה, זיין שוויגער, איז דאַן געשטאַנען אין דער ווייבערשער שול, ביים פענצטערל, זיך צוגעהערט און אַנגעקוואָלן פון תענוג. מיט די פיס האָט זי צוגעטענצלט, און אַזוי גיך־גיך, ווי איר שטייגער איז געווען, האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „דאָס דאַווענען שלמה׳ס, מיין חיה׳לעס מאַן, איז ממש מחיה־נפשות, מחיה נפשות!״

אָט דער תענוג האָט אַ ביסל פאַרגעבן אויף דער אָרימקייט און דחקות, וואָס איר טאָכטער חיה־רחל האָט זיך אָנגעליטן ביי איר מאַן שלמה.

אין יענער צייט האָט שלמה שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דאָס מנקד זיין דעם סדר „טהרות״ פון משניות.

ה.

שלמה האָט אָנגעהויבן אַרויספאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך צו זאָגן אין די שולן.

גאָר גיך האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַ מגיד ומטיף. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער צונויפגענומען זיינע דרשות און זיי ארויסגעגעבן אין אַ ספר.

מיט אַ יאָר צוועלף צוריק האָב איך פון אים באַקומען אַ פּעקל מיט צען ספרים.

פון שער־בלאַט האָט אַראָפּגעשיינט דער נאָמען פון ספר „שלמי יוסף“, און איז געווען באַצייכנט פון אונטן אַלס אַ זאַמלונג פון דרשות פון שלמה־יוסף לעווין, דער מגיד־משרים פון ניעסוויזש.

אין דעם בריוו, וואָס כ׳האָב פון אים באַקומען, האָט ער מיר געבעטן צו פאַרשפּרייטן דעם ספר צווישן אונדזערע לאַנדסלייט.

די דרשות אין ספר זיינען אַ געמיש פון אַ סך פאַרשיידענע ענינים. זייער אַלגעמיינער אינהאַלט אָנגעזאַפּט מיט אַ הייליקער ליבשאַפט צו אידן און צו ארץ ישראל. אויפן יסוד פון אַ געוויסער אגדה פון תלמוד, אָדער א מוסר־מאמר, זענען אָנגעהאַנגען געוואָרן געדאַנקען וועגן ציוניזם, אידישער פּאָליטיק, שטראָף־רייד קעגן די אַסימילאַנטן און די לינקע פּאַרטייען, פּסוקים־איינטייטשונגען און שפּראַך־פאָרשונג.

די דרשות האָבן מיר דערמאָנט די לאַנגע שמועסן, וואָס כ׳האָב געהערט פון שלמה׳ס מויל אין מיין יוגנט.

דער אויסברוך פון דער שרעקלעכער מלחמה, דאָס אַריינדרינגען פון די פאַרשאָלטענע נאַציס, — די פאַרוויסטער און אומברענגער פון אונדזער פאָלק, — אין פוילן און אין ווייסרוסלאַנד, האָבן איבערגעריסן אונדזער דורכשרייבן זיך.

פון דאַן אָן האָב איך שוין פון שלמה׳ן מער גאָר ניט געהערט.

* * *

וואו ביסטו, איצטער, ליבער שלמה, דו הייסער, טייערער איד ? וואוהין האָט דיך פאַרוואָרפן דער ביטערער, מאוים׳דיקער גורל אונדזערער ?

ביסטו אומגעקומען מיט די טויזנטער קדושים, אונזערע לי־בע ברידער און שוועסטער פון שטעטל, וואָס זענען אויסגע־שחטן געוואָרן אין יענע פינצטערע חורבן־טעג, ט׳ חשון און ז׳ אָב, תש״ב ?!

צי האָסטו דיין לעבן פאַרלאָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע קדושים פון ניעסוויזש, וואָס האָבן אין די וועלדער געקעמפט, נקמה צו נעמען פון די בלוטיקע רוצחים ?

ביסטו אפשר דורך אַ נס לעבן געבליבן, און דו וואָגלסט ער־געץ אַרום, ווי אַ בלודנע שעפס, ווי די אנדערע איינציק־געבליבענע אידן, איבער חורבות און וויסטענישן ?

הלואי וואָלט איך געוואוסט וואו דיין וואָגל־אָרט געפינט זיך !

הייליק איז מיר דיין אָנדענק, און הייליק־טייער דיין נאָמען !

צי קען איך דען זאָגן, אַז עס האָבן זיך ניט אַריינגעכאַפּט אין מיין האַרצן, — דאָס האַרץ פון אַ פילנדיקן אינגל, — און געבליבן דאָרט טליען הייליקע פונקען פון דיינע פלאַמיקע ווערטער, וואָס כ׳האָב געהערט אין יענע זומערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטן אין טאַטנס הויז ?!

▼

מרדכי־דוד דער שוסטער

גאַנץ אָפט ווייזט זיך מיר ביינאַכט אין שלאָף כמעט איינער און דער זעלבער חלום.

עס חלומט זיך מיר, אַז איך גיי אַריין צו מרדכי־דוד'ן אין דער שוסטאַרניע, און פרעג אים צו נייט ער שוין מיינע נייע שיך וואָס מע האָט ביי אים באַשטעלט.

ס'טרעפט, אַז דער מלאך פון חלומות איז צו מיר באַזונדערס גוט. ער זעצט מיך אַוועק אויפן הילצערנעם טאַבורעטשיק לעבן מרדכי־דודס וואַרשטאַט. איך זיץ אָפּ אַ היפּשע צייט און קוק זיך צו ווי ער אַרבעט, מיט דער זעלבער הנאה און גרויס צופרידנקייט, וואָס כ'האָב געהאַט, ווען כ'בין געזעסן דאָרטן אין מיינע קינדער־יאָרן.

אַמאָל ווידער ווייזט זיך מיר דער חלום אויף אַזאַ אופן: איך קער מיך אום פון חדר אַהיים אין אַ ווינטער נאַכט. כ'גיי פאַרביי מרדכי־דודס שטוב. כ'טראַכט וועגן די נייע שיך, וואָס ער נייט פאַר מיר איצט. שלייך איך מיר אַריין אין זיין הויף. גיי צו צום קיך־פענצטער און קוק אַריין צו זען אויב מרדכי־דוד זיצט ביי דער אַרבעט. ערשט ער איז ניטאָ. פון ביידע זייטן וואַרשטאַט זיצן זיינע זין, די געזעלן, און אַרבעטן. דער מיטלסטער בענקל איז ליידיק. אַ סימן — אַז מרדכי־דוד איז ערגעץ־וואו אַוועק. אַן אַנטוישטער טרעט איך דאַן אָפּ פון פענצטער און גיי אַן אומעטיקער אַ היים.

* * *

א.

אַ סך שעה'ן פון מיינע קינדער־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין דער שוסטאַרניע פון מרדכי־דוד דעם שוסטער, וואָס האָט פאַר־

נומען אַ העלפֿט פֿון דער שמאָלער און קליינער קיך, האַרט ביים פֿענצטער.

ווען מ׳האָט מרדכי־דודן געגעבן צו פֿאַרריכטן מיינע אַלטע שיך, צו לייגן אויף זיי אַ פּאָר נייע זוילן, אָפּצאַסן, אָדער אַ לאַט־קע, פֿלעג איך פֿאַר אַ וואָך אָדער צוויי אַריינגיין, כמעט טאָג נאָך טאָג זיך נאָכפֿרעגן אויף מיינע שיך. דערווייל בין איך געבליבן זיצן אַ ביסל. האָב מיר צוגעקוקט ווי מ׳אַרבעט און שטאַרק הנאה גע־האַט.

נאָך „שבת נחמו״, אָדער אַז ס׳איז אָנגעקומען דער חודש „אדר״, פֿלעגט מען מיך שיקן רופֿן מרדכי־דוד׳ן, ער זאָל קומען צו אונדז אַהיים נעמען אַ מאָס אויף אַ פּאָר נייע שיך פֿאַר מיר, זיי זאָלן זיין פֿאַרטיק אויף יום־טוב.

אַז דער שוסטער איז געקומען צו אונדז, און מ׳איז מיט אים דורכגעקומען מיטן פּרייז, איז מיין עובֿדה געווען צו צוטראָגן מרדכי־דודן אַ שטיקל פּאַפּיר אויף צו נעמען אַ מאָס פֿון מיין פֿוס. ס׳רוב האָב איך פֿאַר דעם צוועק אָפּגעריסן די לאַנגע ווייסע ברעגן פֿון „הצפֿירה״, און כאָטש ס׳איז געווען פֿון אַן אַלטער צייטונג, האָט מיר דאָס האַרץ שטענדיק געקלאַפּט בעת־מעשה.

מרדכי־דוד פֿלעגט קודם־כל צונויפֿלייגן דעם שמאָלן לאַנגן פּאַס פּאַפּיר אין צווייען, צו מאַכן עס טאָפּלט, ס׳זאָל זיין שטאַרקער. דאַן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט: האָט אָפּגעמאָסטן מיט דער פּאַפּירענער מאָס מיין פֿוס פֿון שפּיץ גראָבן פֿינגער ביז צום עק פּיאַטע, ט׳אָנגעריסן אין דער מאָס, און דעם ריס אָפּגעבויגן. דער־נאָך האָט ער אָפּגעמאָסטן די ברייט פֿון מיין פֿוס־טראָט און ווידער איינגעריסן און פֿאַרבויגן. צום סוף פֿלעגט ער אַמאָס נעמען די הויך, אָדער ווי מיר האָבן עס גערופֿן „דעם גוראָסט״, און אַ דריטן מאָל איינגעריסן און איינגעבויגן דעם ריס.

כ׳פֿלעג מיט אַ פֿלאַטערדיקן האַרץ זיך צוקוקן צו יעדער תנועה

פון שוסטער, נאָכטראַכטן און וואונדערן זיך: ווי געדענקט עס מרדכי־דוד די אַלע אָנגעריסענע סימנים און מאַכט ניט אין זיי קיין טעות?

מרדכי־דוד האָט זיך ניט געאײלט אַוועקצוגיין. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן. איז דער טאַטע מיינער נאָר געווען אין דער היים און האָט צייט געהאַט, האָט מרדכי־דוד מיט אים פאַרצויגן אַ לאַנגען שמועס וועגן די וויכטיקע געשעענישן אויף דער וועלט און אין אידישן לעבן, וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע גרויסע פערזענלעכקייטן.

ווען מרדכי־דוד איז אַרויס פון אונדזער הויז מיט דער פּאַפּי־רענער מאָס אין בוזים־קעשענע, האָב איך שוין געוואוסט אַז פון איצט אָן האָב איך אַ גוטן אויסרייד פאַר וואָסערע פינף־זעקס וואָכן אריינ־צוגיין אָפּט צו מרדכי־דודן אין זיין שטיבל, וואָס איז די צווייטע פון בריק, צו זיצן דאָרטן ביי זיין וואַרשטאַט און צוקוקן ווי מ׳אַרבעט.

ב.

אַ וואָך נאָך דער באַשטעלונג, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַריינ־גיין אין שוסטאַרניע. א ביסל שעמעוודיק, מיט אַ לייכטן ציטער און צושטאַמלענדיק, האָב איך אויפן שוועל געפרעגט צו מען נייט שוין מיינע בייע שיך. נאָכדעם ווי איך בין אַ ווײלע געשטאַנען אַ ניט זי־כערער ביים טיר, פלעג איך זיך אָננעמען מיט מוט, אַנידערזעצן זיך ביים וואַרשטאַט און צוקוקן ווי מ׳אַרבעט.

ווען דער מזל האָט מיר צוגעשפּילט, און מרדכי־דוד אַליין איז דאָן געזעסן ביים וואַרשטאַט און געאַרבעט, בין איך געווען ממש אַ גליקלעכער.

אלץ וואָס כ׳האָב געזען און אַלץ וואָס כ׳האָב באַאָבאַכטעט, האָט אין מיר געוועקט נייגער און האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס איך געדענק עס נאָך ביז היינטיקן טאָג.

מיינע נייגעריקע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדער זאַך. ס׳האָט מיך אינטערעסירט און פאַרכאַפּט יעדע וויכטיקע שטיקל

אַרבעט וואָס מרדכי־דוד, דער מייסטער אַליין, האָט געמוזט טאָן, און אויך די קלענערע, די ניט אַזוינע וויכטיקע אַרבעטן, וואָס מיט זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מרדכי־דודס צוויי זין, די געזעלן: אליה און פּייוועֿ.

צוגרייטן אַ דראַטווע — איז געווען די אַרבעט פון אינגערן געזעל, פּייוועֿ. קודם־כל פלעגט ער אַדורכציען צוויי מאָל דעם לאַנגען מאָכעוואַטן, רויען פּאָדים דורכן גרויסן אייזערנעם רונג, וואָס איז געווען צוגעשרויפט צום וואַנט. נאָכדעם האָט ער די פעדים גענומען דרייען און פלעכטן מיטביידע הענט. שפּעטער־צו האָט ער מיט אַ שטיק פעך גענומען אַריבערפירן איבערן צונויפגעדרייטן פּאָדים, געשמירט און געגלעט פון עק צו עק ביז דער פּאָדים איז אינגאַנצן געוואָרן שוואַרץ און גלאַט. גאָר צום סוף האָט ער מיטן שאַרפן שוסטער־מעסער אָפּגעהאַקט דעם עק פּאָדים לעבן רונג, און די גלאַנציקע דראַטווע איז געלעגן ביי אים אין האַנט. דאָן איז ער צו־געקומען צו דאָס סאַמע לעצטע און שווערסטע: דאָס אַריינפלעכטן אַ חזיר־האָר ביים שפּיץ פון דער דראַטווע.

פּייוועֿ, וואָס פלעגט באַמערקן, אַז זיין פאַרענדיקן די דראַטווע, רופט ביי מיר אַרויס התפּעלות, פלעגט צו מיר שעלמיש אַ ווינק טאָן מיטן אויג און אַ פייף טאָן בעת־מעשה, ווי איינער זאָגט: איך בין טאַקע ניט מער ווי דער אינגערער געזעל, אָבער דאָס שטיקל אַר־בעט וואָס כ׳האָב איצט אָפּגעטאָן, איז דאָס וויכטיקסטע, און די גאַנ־צע שוסטעריי־קונסט הענגט פון דעם אָפּ. נאָר אַזאַ קינסטלער ווי איך, פּייוועֿ, קען צונויפפלעכטן און מאַכן אַזאַ שיינע דראַטווע.

פון זיין שיינער דראַטווע בין איך טאַקע אָפּט נתפּעל געוואָרן, אָבער פּייוועֿן אַליין האָב איך ניט איבעריק ליב געהאַט. ער איז גע־ווען אַ ווילדער חברה־מאַן. האָט ליב געהאַט צודער׳רגז׳ענען און רייצן זיך. אַט דער פּייוועֿ האָט זיך גאַנץ אָפט נאָכגעיאָגט אויף מי־כאַלישאַק נאָך יוזשיטשיכע דער גוייעס חזרים, געוואַלט פון זיי

אויסרייסן חזיר־האָר פאַר זיינע דראַטוועס. די חזרים פלעגן זיך אַזוי צוכרוקען אַז מ׳האָט געקענט טויב ווערן. און די „מכשיפה׳טע“, יוזשיטשיכע, פלעגט קומען צולויפן פון איר געסל מיט אַ גאַנצע סטאַיע האַווקענדיקע הינט, מאַכן קולות און גוואַלדן, און שילטן אַלע אידן מיט וויסטע קללות.

דערפאַר האָב איך ליב געהאַט פּיוועס עלטערן ברודער, אליה.

אַרום פופצן יאָר איז אליה אַלט געווען, ווען דער טאַטע זיינער, מרדכי־דוד, האָט אים גענומען צו דער אַרבעט. פון פּאַקן־קראַנקייט איז אליה׳ס פּנים געבליבן געשטופּלט. ער איז געווען אַזאַ שטילער און איידעלער. אליה איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט פון שוסטעריי מיט זיין גאַנצן לייב־און־זעל, האָט געוואָלט גרונטאָווגע אויסלערנען זיך דעם פאַך, קענען אים מיט אַלע אָפּשניצלעך. איז טאַקע יעדע שטיקל מלאכה, וואָס ער האָט געמאַכט, געווען נאָר אָנצוקוקן.

אָנפאַנגס, האָט אליה נאָר אויסגעפּאַריכט אַלטע שיך: געלייגט נייע זוילן (פּאַדנאָסקעס) און אָנגעקלאַפּט אָפּצאַסן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין לייגן לאַטקעס. מ׳האָט געקענט דערקענען אליה׳ס אַ לאַטקע. די שטעך זענען געווען אַזעלכע דינעטשקע, איידעלע, איינס לעבן ס׳אַנדערע, ווי גענייט אויף אַ מאַשין. אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט אים מרדכי־דוד אָנגעהויבן לערנען נייען נייע שיך.

איז אליה פאַרטיק געוואָרן מיט זיינער אַ שטיקל אַרבעט, איז ער געבליבן זיצן ביים וואַרשטאַט. זיינע אויגן און מוח אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, וואָס דער טאַטע זיינער, — וועלכער האָט נאָר גענייט נייע שיך, — האָט דאַן געטאָן. מיט אַ באַזונדער נייגער און דורשטיקייט פלעגט אליה אים באַאַבאַכטן.

אויך מיינע אויגן האָבן באַגלייט זיין טאַטנס, מרדכי־דודס יעדע תנועה און האַנט־באַוועגונג. כ׳האָב אויך געוואָלט דערגיין דעם סוד

פון דער שוסטעריי־קונסט, זען ווי פון שטיקער לעדער ווערט באַ־שאַפן אַ שוך.

ג.

איבערהויפּט בין איך געווען צופרידן, ווען ס׳האָט מיך אָפּגעגליקט און כ׳בין געזעסן ביים וואַרשטאַט אין דער צייט ווען מרדכי־דוד האָט געהאַלטן אין אָנהייבן נייען אַ פּאָר שיך. ווען ער האָט פאַרלייגט דעם קאַפּול, אין דער „זאַגאָטאָווקע״, וואָס ער האָט נאָר וואָס געבראַכט פון שטעפּער.

דאָס צושניידן, צופּאַסן און צוקלאַפּן די אוסטילקע צום קאַפּול, און דערנאָך דאָס אַרומנייען די „זאַגאָטאָווקע״ מיטן אָל און דראַטווע צו דער אוסטילקע, וואָס דורכדעם באַהעפט זיך דער אויבערשטער טייל פון שוך מיט דעם גאָר אונטערשטן, און ס׳ווערט פון זיי איינס, האָט ביי מיר שטענדיק אַרויסגערופן גרויס התפעלות. איך האָב אין דעם געזען אַ מין וואונדער פון מעשה־בראשית.

און מרדכי־דוד, דער אויסגעצייכנטער בעל־מלאכה, האָט זיין אַרבעט באַווירצט אַ מאָל מיט אַ ליבן שמועס, אַ מאָל מיט אַ שיינער מעשה, אָדער גאָר מיט אַ ליד, וואָס האָבן געוועקט מיין פאַנטאַזיע און האָבן מיך אָפּט אַוועקגעטראָגן אין אַנדערע וועלטן, אַזעלכע ווייטע און וואונדערלעכע.

אָט נעמט מרדכי־דוד זינגען אַ מין קלאָג־ליד, און זיינע העל־ברוינע אויגן ווערן איבערגעצויגן און באַדעקט מיט אומעט:

שמם מקדשי מבלי באי מועד...
מה אעשה לכם בני? — גזרה היא מלפני!...

און גלייך אויפן שטעל, פאַרטייטשט ער עס אין אידיש, זינגענדיק אַזוי טרויעריק:

„ס׳איז פאַרוויסט געוואָרן דער בית־המקדש,
ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל עולה רגל זיין...

אין יענע יאָרן

וואָס־זשע קען איך טאָן אייך, קינדער מיינע ?
די גזרה איז פון מיר אַליין..."

און אַזוי זינגט ער אויס די פערזן פון דער גאַנצער קינה, צוערשט אין לשון־קודש און דערנאָך אין אידיש.

די טרויער־ליד צונעמט מיין האַרץ און גיסט אַריין אומעט אין מיין נשמה. נאָכדעם ווי איך קום אַביסל צו זיך, פרעג איך מרדכי־דודן וואו האָט ער זיך עס אויסגעלערנט ?

און מרדכי־דוד דערציילט מיר וועגן דעם חזן מאיר לידער, וואָס איז געווען שטאָט־חזן אין ניעסוויזש מיט יאָרן צוריק. ס׳רוב שטעטל־אידן, און איבערהויפּט די בעלי־מלאכות, האָבן אים זייער ליב גע־האָט און געווען צוגעזאָטן צו אים.

מאיר לידער איז געווען ביי אונדז חזן שוין אויף דער עלטער. זיין שטאַרקער קול איז שוין געווען הייזעריקלעך. זיין כוח איז אָבער באַשטאַנען דער עיקר אין פאַרפאַסן חזנישע קאָמפּאָזיציעס און מע־לאָדיעס צו תפילות און קינות, וועלכע זענען געווען האַרציק, נאָר זייער לאַנגע און שווערע. ער האָט אַליין אָנגעפירט מיט זיין כאָר, וואָס האָט געהאַט אַ וועלט־נאָמען.

פיל פון די משוררים, וואָס האָבן געזונגען ביי מאיר לידער, זענען געווען פון די אָרעמע מאַסן, מערסטנס בעלי־מלאכות, וואָס האָבן אין דער יוגנט ווייניק געלערנט. האָבן זיי, דעריבער, ניט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון די ווערטער. אָבער דער חזן מאיר לי־דער האָט געוואָלט אַז זיינע משוררים זאָלן זינגען מיט געפיל, — און אַז מ׳פאַרשטייט ניט די ווערטער, וואָס מ׳זינגט, ווי קען מען דאָס זינגען מיט געפיל ? — האָט מאיר לידער איינגעפירט ביים איינ־זינגען זיינע קאָמפּאָזיציעס מיטן כאָר, אַזאַ מין איינפיר: ער פלעגט אַליין אָפּזינגען אַ פּסוק פון דער תפילה אָדער פון דער קינה אין אָריגינאַל, אין לשון־קודש, מיט דער מעלאָדיע, וואָס ער האָט פאַר־

פאַסט; דערנאָך האָט ער דעם זעלבן פּסוק איבערגעטייטשט און איס געזונגען אין אידיש. און אַזוי האָט ער מיט די משוררים איינגעשטו־דירט די ערשטע צייט זיינע נייע קאָמפּאָזיציעס, טיילווייז, אין לשון קודש און אין אידיש, ביז די משוררים האָבן געוואוסט דעם טייטש פון די ווערטער און האָבן שוין געזונגען בלויז אין לשון־קודש. בעת מאיר לידער האָט איינגעזונגען זיינע זאַכן, פלעגן זיך אין די אונטן אַרומקלייבן אַרום זיין הויז פיל בעלי־מלאכות, ליבהאָבער פון נגינה, און זיך צוגעהערט מיט גרויס התלהבות און התפעלות. אַ סך האָבן זיך אויסגעלערנט צו זינגען מאיר לידערס פאַרפאַסונגען מיט דער אידישער איבערזעצונג, און האָבן עס געזונגען ביי דער אַרבעט. אַזוי איז אויך מגולגל געוואָרן די קינה וועגן חורבן בית־המקדש צו מרדכי־דודן און ער האָט עס געזונגען מיט טיפן געפיל.

אַמאָל פלעגט מרדכי־דוד זינגען ביי דער אַרבעט שטיקלעך פון „מכירת יוסף", ס׳רוב יענעם טייל, וואו יעקב אבינו באַוויינט זיין ליבן זון, און די ווערטער „טרוף טורף יוסף!" חזרן זיך איבער עט־לעכע מאָל.

איינמאָל האָט מיר מרדכי־דוד דערציילט ווי מ׳האָט אויפגעפירט די שפּיל „מכירת־יוסף" אין ציוניסטישן „בית־הועד", און ווער עס האָבן אין דעם אָנטייל גענומען. ער, מרדכי־דוד, האָט געשפּילט יעקב׳ס עלטסטן זון, ראובן. די אגודה „בני־ציון" האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אויפפירן דעם פאָלקס־שפּיל. און מרדכי־דוד, וואָס איז געווען אַ חבר אין דער אַגודה, איז געווען פון די הויפּט־טוערס.

און מרדכי־דוד נעמט מיר אָן פאַרן האַנט און פירט מיך אַריין אין צווייטן צימער אין „זאַל". (ביינאַכט איז דער „זאַל" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאָף־צימער, וואו ס׳האָבן געשלאָפן אויסגעבעט אויף אַ קאַנאַפּע און אויף שטולן, די עלטערע זין און טעכטער פון די ערשטע צוויי ווייבער, און אַ פּאָר קלענערע קינדער, וואָס זיין דריי־טע, יונגע ווייב, האָט אים געבוירן). ער פירט מיר צו צו דער מזרח־

וואַנט און ציגט מיר אָן אויף אַ בילד פון די חברים פון דער אגודה „בני־ציון", וואָס הענגט דאָרט אָן איינגעראַמטע. זעט נאָר, זעט! אָט שטייט ער דאָך טאַקע דאָרטן, מרדכי־דוד, אין דער צווייטער שורה, מיט זיין לכבוד־יום־טוב אונטערגעשוירענעם בערדל אָן אַ היטל, ווי דאָס רוב יונגע לייט אויף דעם בילד. ער איז אָנגעטאָן שבת׳דיק מיטן קליינעם שוואַרצן שניפּסעלע אונטערן ווייסן קאָלנער, פּונקט ווי איך זע אים אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע טעג. מרדכי־דוד קערט זיך אום צוריק צום וואַרשטאַט, און איך בלייב נאָך שטיין פאַר אַ לאַנגע ווײַלע פאַר דעם בילד. כ׳באַטראַכט די פּנימער פון די ציוניסטן, און עס פרייט מיך, ווען איך זע צווישן זיי עטלעכע פון די גאָר חשובע בעלי־בתים און יונגע לייט, וואָס דאַוונען מיט אונז אין אַלטן בית־המדרש, ווי ר׳ הירש־נטע אייזנבוד און זיין פּלימעניק, בנימין אייזנבוד און לייבל סלאָנימסקי.

ד.

פון דאַמאָלסט אָן בין איך גאָר אָפט אַריינגעגאַנגען אין „זאַל" באַטראַכטן יענעם בילד. אָבער ניט בלויז דעם בילד. כ׳האָב מיר שוין פאַר איין וועג גוט אָנגעקוקט אויף דעם פייערלעשער־מונדיר און הויזן און די אַנדערע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס זענען דאָרט געהאַנגען אויף דער מערב־וואַנט, ביי דער טיר.

איבערהויפּט האָב איך באַטראַכט דעם אָפּגעשייַנטן מעשענעם „קיווער"־היטל, די שאַרפע העקל און די טרובע, וואָס זענען דאָרט געהאַנגען.

מרדכי־דוד׳ס טרובע פלעגט גאַנץ אָפט אויפרייסן פון שלאָף און איבערשרעקן די מיכאַלישקער איינוואוינער.

מרדכי־דוד אַלפּעראָוויטש איז געווען פון די איבערגעבענסטע פייערלעשער, — „פּאָזשאַרניקעס", ווי מע האָט זיי גערופן אין אונדזערע שטעטלעך. ער איז געווען גאָר פון די ערשטע, וואָס האָבן

זיך פאַרשריבן אין דער חברה פון פייערלעשער. ער האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט און געהאַט צוויי „בענדלעך״ — פּאַסקעס — אויפן אַרבל. גלייך צו אים אין דינסט פון דער „פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע״ איז נאָר געווען דער גוי קאָמאַצקי, דער מוליער מיט די לאַנגע וואָנצעס און מיט דער אָפּגעגאָלטער מאָרדע. אָט דער גוי, קאָמאַצקי, וואָס איז שטענדיק געווען אַ ביסל פאַרשניאָשקעט, איז יעדן יאָר געקומען אין דער „כל נדרי״ נאַכט אין אַלטן בית־המדרש, זיך אַוועקגעשטעלט ניט ווייט פון עמוד און צוגעהערט זיך מיט אַ הייליקן ציטער ווי דער חזן זאָגט די תפילות און סליחות.

מרדכי־דוד און קאָמאַצקי זענען עס אָנפאַרטרויט געוואָרן מיטן „ליוועריק״, דעם קופּערנעם שפּריצער, וואָס איז געווען צוגעשרויפט צו דער לאַנגער גומענער קישקע. אין זייערע געניטע הענט האָט מען איבערגעגעבן דאָס סאַמע עיקר פון אויסלעשן אַ שריפה. און מ׳דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז קיינער האָט ניט געקענט אַזוי גיך, גוט, געשיקט און הויך שפּריצן דאָס וואַסער ווי די צוויי פייערלעשער.

האָט געטראָפן אַ שריפה אין אַ נאָענטן דאָרף, איז מרדכי־דוד דאָרט געווען פון די ערשטע לעשער. ער האָט פלייסיק געאַרבעט. ער האָט געזען העלפן ראַטעווען פון דער גויישער פּראַצע וואָס נאָר מ׳קען. ער האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן אָן זיין הונגעריקן מאָגן. איז טאָמער האָט זיך געמאַכט אונטערן האַנט עטלעכע אייער, פלעגט ער זיי אָפּבאַקן אין די הייסע קוילן און אויפעסן. אַ קריגל זויער־מילך האָט ער אויך ניט פאַרבראַקירט, און האָט עס גאַנץ געשמאַק אויסגעזופּט.

ה.

ניט שטענדיק אָבער ווען איך בין אַריין צו מרדכי־דודן אין שוס־טאַרניע האָט עס מיר אָפּגעגליקט צו טרעפן דעם מייסטער אַליין ביי דער אַרבעט.

מרדכי־דוד איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ שטאָט און אַרום אַלס אַ קינסטלער — אַ שוסטער. אַ פּאָר שיך, וואָס ער נייט אויף און פאַר־ענדיקט מיט זיינע הענט, קען זיך פאַרגלייכן אין שיינקייט מיט אַ פּאָר שיך, וואָס ווערט געניית אין אַ פאַבריק אויף מאַשינען. ער איז אָבער אויך געווען באַקאַנט ווי אַ שוסטער אַ פּוילענצער. אַ שטיקל אַרבעט האָט ביי אים געקענט אָפּליגן שיינע עטלעכע וואָכן. ס׳רוב האָט זיך מרדכי־דוד ניט געזעצט צום וואַרשטאַט, ביז די קונדן זענען אים ניט געלעגן אויפן קאַרק, און מ׳האָט שוין זיי מער ניט געקענט פאַריידן די ציין און געפינען פאַר זיי קיין תירוצים.

מרדכי־דוד האָט אויסגעקליבן זיך אָפּצוגעבן און זיין פאַרנו־מען מיט אַלערליי ענינים, אבי ניט זיצן ביי דער אַרבעט פון שוס־טעריי.

און מרדכי־דוד האָט געהאַט גענוג ענינים מיט וואָס צו פאַר־נעמען זיך: ענינים פון הויז־בעל־בתישקייט, גוזעלשאַפטלעכע ענינים און סתם זאַכן, וואָס זענען אים געווען נאָענט צום האַרצן.

הינטער זיין שטיבל האָט זיך געפונען דאָס גערטל. כאָטש ס׳איז געווען אַ גאַנץ קליינער גרינס־גאָרטן, האָט עס באַשעפטיקט מרדכי־דודס שאַרפן מוח און פלינקע הענט אַ גאַנצן זומער.

דאָס גערטל איז געווען אויסגעלייגט אויף אַ משופּע׳דיקן אָרט, האַלב אויף אַ בערגל און האַלב אויף דער נידער. אַז דער פרילינג איז אָנגעקומען, האָט מרדכי־דוד גענומען גראָבן דעם גאָרטן, אויסגלייכן די ערד, האָט דורכגעפירט גאַנצע קאַנאַלן ביי די זייטן פאַר רעגנ־וואַסער. ער האָט אַלץ געטאָן אַליין: געמיסטיקט, צוגראָבן און ווייך געמאַכט די ערד, האָט געזייט, געיעט און געהאַלטן אין איין באַוואַ־סערן זיין גאָרטן. ווען כ׳פלעג זומער־צייט אַ קוק טאָן דורכן קיך־פענצטער און דערזען אַז מרדכי־דוד זיצט ניט ביים וואַרשטאַט, האָב איך שוין געוואוסט וואו צו זוכן אים. כ׳בין צוגעגאַנגען צום צאַם פון זיין גערטל און דאָרטן אים געפונען אַרומגייענדיק אַ באָר־

וויסער צווישן די בייטן. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גראָסע אָדער אַן אַנדער כלי. מ׳האָט געזען, אַז ער קוועלט אָן פון דער אַרבעט.

מרדכי־דוד האָט זיך פאַרנומען אויך מיט האָדעווען הינער, גענדז און ענטלעך. זיין קליינער שמאָלער הויף, איז שטענדיק געווען באַזעצט מיט עופות, וואָס פלעגן איבערגעשראָקענע אַנהויבן פליען, קאַדאַכטען און קוואַקען, ווען אימיצער איז דאָרט אַריין און געשטערט זייער רו.

איבערהויפט האָט מרדכי־דוד ליב געהאַט ענטלעך. גאַנצע שעה׳ן אין די פרימאָרגנס און אין די פאַרנאַכטן האָט ער אַרומגעפּאַדעט אַרום די יונגעטשקע ענטעלעך: געקאָרמעט זיי און געפירט זיי צו דער מיכאַלישקער קאַנאַווע, וואָס האָט געפּליוכעט אונטערן בריק. ער איז געשטאַנען און אַכטונג געגעבן אויף זיי און אויף זייער מאַמען, די קאַטשקע, וואָס האָט זיי אויסגעבריט.

ס׳פלעגט אָפט טרעפן, אַז דאָס גייענדיקע וואַסער אין קאַנאַווע האָט פון ערגעץ וואו געבראַכט צושווימען אַ ווילדע ענטל, וואָס האָט זיך געגומען חברן מיט מרדכי־דודס ענטלעך. מרדכי־דודן האָט זיך זייער געוואָלט כאַפּן די מציאה, אַריינקריגן די הפקר׳דיקע ענטל. מיט זיין שאַרפן מוח האָט ער זיך געקליגט, געזוכט וועגן ווי צו פאַרנאַרן דאָס ענטל, זי זאָל מיטגיין מיט זיינע ענטעלעך, ווען ער פירט זיי אַהיים. אָבער דאָס איז אים דאָס רוב ניט געלונגען. די ווילדע ענטל פלעגט זיך סוף־סוף אַרויסדרייען פון אונטער די הענט און אַוועקשווימען.

אויסער פאַר די ענינים פון בעלי־בתישקייט איז מרדכי־דוד גלאַט געווען גרייט צו יעדער צייט אַוועקלייגן די אַרבעט און אַרויסהעלפן שכנים און גוטע ברידער סיי אין זאַכן, צו וועלכע מ׳האָט געדאַרפט געבן אַ קלוגע עצה, און סיי אין זאַכן, צו וועלכע מ׳האָט גע־

מוזט צולייגן אַ געניטע, פלינקע האַנט, וואָס טויג זיך אויס צו יעדער מלאכה.

מרדכי־דוד האָט גערן דערפילט אויף די בקשות פון די שכנות, די מיכאַלישקער ווייבער, וואָס זייערע מענער האָבן זיך געפונען אין אַמעריקע אָדער אין אַפריקע.

אָט די אידענעס, וועלכע האָבן ביי אונדז געהייסן „אַמעריקאַנקעס״, זענען גאַנץ אָפט געקומען צו מרדכי־דודן, ער זאָל פאַר זיי אויפשרייבן אַן ענגלישן אַדרעס אויפן קאָנווערט, וואָס דאָס איז אַ חכמה, וואָס ניט אַ ליאַדע מענטש קען עס, און ניט אויף יעדן איינעם קען מען זיך מיט דעם פאַרלאָזן. יענע „אַמעריקאַנקעס״, וואָס מ׳האָט זיי אין דער יוגנט ניט געלערנט לייענען און שרייבן, פלעגן ברענגען זייערע מענערס בריוו צו מרדכי־דודן, ער זאָל פאַר זיי איבערלייענען. ער טאַקע האָט שוין פאַר זיי אויך געשריבן אַן ענטפער. מרדכי־דוד האָט געקענט יעדער איינערס לאַגע און שוין אַליין געוואוסט וואָס פאַר אַ מין נוסח צו שרייבן.

און די ווייבער האָבן אויך גוט געוואוסט, אַז אויף מרדכי־דודן, וואָס איז „אַן עמך״, אַן אייגענער מענטש, קען מען זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן. ער וועט שוין וויסן וואָס צו שרייבן. ער האָט אַ שאַרפן קאָפּ, ער פאַרשטייט אַן ענין, און קיין פינגער אין מויל דאַרף מען אים ניט אַריינלייגן.

ו

אין די טאָבעלנע טעג זומער צייט, און אַמאָל אויך אין אַ זונטיק, פלעגט די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע איינאָרדנען גימנאַסטישע אי־בונגען און פייער־לעשונג־פּראָבעס. אין אַזעלכע טעג האָט שוין מרדכי־דוד ניט געאַרבעט.

דער גרויסער טאָג, דער אמת׳ער יום־טוב פון די פייערלעשער, איז געווען דער ערשטער מאַי. צו דעם יום־טוב האָט מען זיך לאַנג

געגרייט. פיל מושטיר־פּראָבעס, גימנאַסטישע איבונגען און מאַר־שיר־פּראָצעסיעס, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אַלס פאָרשפּיל צום יום־טוב. מרדכי־דוד איז געווען פאַרטאָן אין די צוגרייטונגען און איז שוין ביים וואַרשטאַט ניט געזעסן.

ערב דעם פייער־לעשער־יום־טוב פלעגט זיך מרדכי־דוד אַרומ־שערן. פון זיין קליינער בערדל איז דאַן קוים אַ זכר געבליבן.

דעם ערשטן מאַי גאַנץ פרי פלעגט מרדכי־דוד אָנטאָן זיין פייער־לעשער יוניפאָרם און די אָפּגעפּוצטע שטיוול. פון זיין קאָפּ האָט אַראָפּגעשיינט דער מעשענער קיווער (קאַסקע). אין פאַס איז געווען פאַרשטעקט די שאַרפע העקל, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן זיין טרובע. מיט פעסטע טריט פון אַ געניטן פייער־לעשער האָט ער זיך געלאָזט גיין צום „פּאָזשאַרנעם סאַריי", וואָס האָט זיך געפונען אויף „קאַזימער".

דער ערשטער מאַי איז באמת געווען מרדכי־דודס טאָג. די פייע־רונג איז געווען אַ הערלעכע. איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט, און אַמאָל אויך אין די אַלייען פון שלאָס פון פירשט ראַדזיוויל, האָבן זיך געצויגן גאַנצע שורות פון מאַרשירנדיקע פייערלעשער. זייער מוזיק־קאַפּעליע האָט געשפּילט, און דאָס יונגוואַרג פון שטעטל האָט יום־טובדיק באַגלייט די מאַרשירער.

און אַ גרויסאַרטיקע פּראָבע פון לעשן אַ שרפה איז יענעם טאָג איינגעאָרדנט געוואָרן אין צענטער פון ניעסוויזשער מאַרק, ביי די ראַט־קראָמען, קעגנאיבער דער שטאָטישער ראַט־הויז, די „דומע", ביים פּלאַץ וואו ס'האָט זיך געפונען דער ריזיקער וואַסער־צאַפּ. די גאַנצע פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע מיט אַלע כלים און לעש־געצייג, ווי די פּאָמפּעס, לייטערס, קרוקעס און העק, זענען געווען אויסגעשטעלט אין די ריכטיקע פּאָזיציעס. מרדכי־דוד האָט יענעם טאָג געוויזן וואָס פאַר אַ בריה ער איז ביים שפּריצן דאָס וואַסער. דעם שיינענ־דיקן קופּערנעם ליווער, דעם צוגעשרויפטן צו דער גומענער קיש־

קע, האָט מרדכי־דוד געהויבן, געריכטעט און געקערעוועט אין זיינע פלינקע הענט צום הויפּט־ציל מיט שכל און געשיקטער שנעלקייט. אַלע צוקוקער פלעגן אַריינפאַלן אין התפעלות, זעענדיק ווי מרדכי־דוד שפּריצט אַריבער דאָס וואַסער איבער דער פאָן וואָס האָט גע־פלאַטערט אויפן שפּיץ פון דעם דומע־טורעם, אין וועלכן עס איז געהאַנגען דער גרויסער פייער־לעשער־גלאָק. דאָס איז געווען איבער אַ דריי שטאָק די הויך. פיל פון זיינע חברים פייער־לעשער און פון די צוקוקערס פלעגן פּאַטשן בראַוואָ. דער הויפּט פון די פייער־לע־שער — דער נאַטשאַלניק פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע, יאַקאָוו אַווינאָוויצקי, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער פייערונג, פלעגט אין אויסדרוק פון אנערקענונג קלאַפּן מרדכי־דוד'ן איפּן פּלייצע און אויסרופן: „מאָלאָדיעץ, טאָוואַרישטש אָלפּעראָוויטש!"

נאָך דער פייערלעכער פּראָבע האָבן די פייער־לעשער געפּראַ־וועט אַ יום־טוב'דיקן מאָלצייט, וואָס אויף אים האָבן זיי אַרויסגע־קוקט אַ גאַנץ יאָר און וועגן וואָס מ'האָט גערעדט היפּשע עטלעכע וואָכן.

צו דער סעודה פלעגט מען צוגרייטן פון כל־טוב: אַלערליי פישן, פליישן, און פאַרבייסעכצן. עס האָט אויך ניט געפעלט די אמתע זעקס־און־ניינציקער שפּירט, וואָס מע האָט געקויפט אין מאָנאָפּאָל, וואָס האָט זיך טאַקע געפונען אין עק „קאָזימער". ביר, קוואַס און זעלצערוואַסער האָט מען צוגעשטעלט פון די זאַוואָדן פון יונה־משה און נח ג"ח, אַזוי אַז ס'איז געווען מיט וואָס אַראָפּצושווענקען די פעטע און געשמאַקע מאכלים.

פון דער גרויסער ערשטער־מאַי־סעודה, האָבן גענאָסן די ווייבער און קינדער פון די פייערלעשער. די קליינוואַרג האָבן אַ גאַנצן נאָכמיטיק אַרומגעפּאַדעט אַרום דעם פּאָזשאַרנעם סאַריי, און די טאַטעס אין די יוניפאָרמס פלעגן זיי יעדעס מאָל אַרויסטראָגן אַ זיסע בולקע, אַ פּאָלקע פון אַ הון, אָדער אַזוי אַ נאַש.

און פאַרטאָג־צו, ווען די פייערלעשער פלעגן זיך אומקערן פאַר־שניאַשקעטע און פאַהוליעטע אַהיים, האָבן זיי מיט זיך געבראַכט פאַר די ווייבער און די עלטערע קינדער גאַנץ פיינע און פעטע שיריים פון מאַלצייט.

דריי־פיר טעג האָט געדויערט דאָס אויסניכטערן זיך פון אָט דעם גרויסן יום־טוב. ביי מרדכי־דודן איז דאָס געווען ווי אַ מין לאַנגער אסרו־חג, אין וועלכן מ'איז פטור פון אַרבעט.

ז.

מרדכי־דוד דער שוסטער איז געווען זייער אַן אַקטיווער מיט־גליד אויך אין דער חברה „פועלי צדק". אין שפּיץ פון דער חברה איז געשטאַנען דער ציין־דאָקטאָר באָמשטיין. די חברה, וואָס האָט עקזיסטירט אַ סך יאָרן, איז געווען גוט אָרגאַניזירט און האָט פיל גע־טאָן פאַר דער טובה פון אירע חברים, די בעלי־מלאכות.

די רעדלפירער פון דער חברה „פועלי צדק", זענען, אמת, גע־ווען די קאַרפּן־קעפּ, — די גרויסע שניידער פון מענער און פרויען קליידער וואָס אין זייער „מאַסטערסקאַיעס" האָבן געאַרבעט פיל גע־זעלן. מרדכי־דוד איז אָבער, אין זכות פון זיינע זעלטענע פעאיקייטן, צוליב זיין „אייזערנעם קאָפּ", געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין דער חברה „פועלי־צדק". ער איז קלאָר געווען אין דער קאָנסטיטוציע פון דער חברה, אָדער ווי מ'האָט עס דאָרט גערופן „דעם אוסטאַוו", און האָט מיט זיין געזונטער לאָגיקע געקענט פאַ־נאַנדערגלידערן יעדע שווערע פראַגע.

און האָט האָבן די „פועלי־צדק" באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאָפּע־ראַטיווע קראָם פאַר אירע מיטגלידער.

מרדכי־דוד האָט באַלד דורכגענומען און אַנאַליזירט מיט זיין שאַרפן מוח דעם גאַנצן ענין פון קאָפּעראַטיוו, און געוואוסט גענוי וואָס פאַראַ הילף און נוצן עס קען ברענגען די חברים.

דערנאָך האָט ער געגומען איינקנעלן און געבן צו פאַרשטיין צו די אַנדערע מיטגלידער, וואָס זייערע שוואַכע מוחות האָבן ניט גע־קענט באַנעמען דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן ענין. וואו נאָר מרדכי־דוד האָט זיך געטראָפן מיט זיינע חברים, האָט ער מיט זיי געלערנט אַ קאַפּיטל „קאָאָפּעראַטיוו".

און אַז די חברה „פּועלי צדק" איז אַריבער פון „טעאָריע" צו „פּראַקטיקע", און די קאָאָפּעראַטיווע קראָם איז געעפנט געוואָרן, איז מרדכי־דוד געוועזן אַריינגעטאָן אין דער קראָם מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן. טאָג־טעגלעך איז ער שעה׳ן אָפּגעלעגן אין קראָם, און האָט געהאַלטן אין איין געבן צו פאַרשטיין ווי אַלץ דאַרף ווערן איינגעשטעלט און איינגעאָרדנט.

יענע חדשים איז מרדכי־דוד געווען אינגאַנצן פאַרטאָן און פאַרהאַוועט מיט דער קראָם. און ווייל ער האָט זיך עוסק געווען אין דער מצוה פון גרינדן דעם „קאָאָפּעראַטיוו", האָט ער זיך געפילט כמעט פריי פון דער פליכט צו שפּייזן ווייב און קינדער, און איז גאַנץ ווייניק געזעסן ביים וואַרשטאַט.

ח.

אין יענער צייט האָט זיך אויך געעפנט ביי אונדז אין ניעס־וויזש אַ לייען־זאַל.

אין באַשע דער גבאיטעס מויער, אויפן צווייטן שטאָק, האָט זיך געפונען דער גרויסער, גרוימער לייען־זאַל, אָדער ווי מ׳האָט עס גערופן „די טשיטאַלניע".

דאָרטן האָבן זיך באַקומען אידישע, העברעאישע און רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי אויך נייע ביכער צום לייענען.

אויסער דעם האָבן די מיטגלידער פון לייען־זאַל געקענט פאַר־ברענגען אין דערבייאיקן שפּיל־צימער און שפּילן אַ דאַמקע און אַ

שאַך. זיי האָבן אויך געטרונקען בקאָמפּאַניע אַ גוטע, שמעקעדיקע גלאָז „וויסאָצקי״ טיי.

מרדכי־דוד, וואָס האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט און פאַרברענגען אין שמועסן, איז געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער פון לייען־זאַל. אַ פּאָר מאָל אין וואָך, פאַרנאַכט־צו, האָט ער פון זיך אויסגעטאָן די אַרבעטס־בגדים, זיך אָנגעטאָן שבת׳דיק „אין מיטן מיטוואָך״ און אַוועקגעגאַנגען אין לייען־זאַל.

נאָכדעם ווי ער פלעגט אַדורכקוקן דעם „פריינד״, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו לייענען, און כאַפּן אַ קוק אויך אין אַ רוסישע צייטונג, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שפּילצימער און זיך געזעצט לעבן די שאַך־שפּילער.

אַ וואָך, צוויי, האָט זיך מרדכי־דוד צוגעקוקט צו אָט דעם שכל־דיקן שפּיל, וואָס נאָר די „גוטע קעפּ״ קענען שפּילן. ער האָט מיט זיין שאַרפער אויג און קלוגן מוח אויפגעכאַפּט אַלע „גאַנגען״ און „צוגן״, ביז ער האָט גוט באַנומען די אַלע עיקרים פון דער שאַך־מאַט־שפּיל־תורה. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו באַטייליקן זיך אין שפּיל. ס׳איז לאַנג ניט פאַריבער, און מרדכי־דוד איז געוואָרן איינער פון די הויפּט שאַך־שפּילער, און „אַ שווערע נוס צום קנאַקן״, — צו קענען אים זאָגן: „מאַט״.

אין יענע טעג און אָוונטן, פלעג איך אַריינגיין אין מרדכי־דודס שוסטאַרניע, זיך נאָכפרעגן אויף מיינע שיך. אָבער דעם מייסטער אַליין האָב איך דאָרטן זייער־זעלטן געטראָפן.

נאָר אָט זענען אָנגעקומען די אלול־טעג. דאָס שופר בלאָזן האָט אָנגעזאָגט, אַז די ימים־נוראים קומען באַלד אָן. מרדכי־דודס קונדן, וואָס האָבן ביי אים באַשטעלט שיך אויף יום־טוב פאַר זיך און פאַר די קינדער, האָבן אָנגעהויבן אָפטער אריינצוקומען און געהאַלטן אין איין פרעגן: „ווען וועט מען שוין אָנהייבן נייען די שיך?״ —

ערשט דאַן האָט זיך מרדכי־דוד צוריקגעזעצט צום וואַרשטאַט. ער האָט געאַרבעט ממש טאָג און נאַכט.

דאַן האָב איך ווידער אָנגעהויבן אָפטער אַריינצוקומען און זיך אַנידערצוזעצן לעבן מרדכי־דודן ביים וואַרשטאַט. כ׳האָב ווידער זיך צוגעקוקט מיט נייגער צו זיין אַרבעט און צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס זיינע ליבע שמועסן און די זיס־טרויעריקע לידער פון „מכירת יוסף״, וואָס האָבן מיר פאַרשאַפט גרויס הנאה.

▼

נייע לידער

א.

די ווינטער־חדשים פון יאָר 1913—1914 זענען איינגעקריצט אין מיין זכרון מיטן טריבן אומעט, וואָס האָט מיך דאַן באַהערשט.

געווען זענען עס די ערשטע וואָכן נאָכן טאַטנס אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. אַ נאָגענדיקע בענקשאַפט האָט מיך באַנומען. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער, און האָב קיין רו ניט געפונען.

כדי צו ראַטעווען זיך פון דעם אומעט, און צו געפינען זיך אין דער סביבה פון אַ נאָענטן, ליבן מענטשן, וואָס וועט מיר פאַרשטיין און מיטפילן, בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין שוועסטער אין מינסק, וואו זי האָט געלערנט צוין דאָקטאָריי.

זעקס וואָכן האָב איך דאַן פאַרבראַכט אין דער הויפּט־שטאָט פון ווייס־רוסלאַנד. דאָרטן אין דער געזעלשאַפט פון מיין שוועסטערס פריינט און גוטע באַקאַנטע האָב איך באַזונדערס דערפילט די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אין יענער צייט אויף דער אידישער גאַס.

כ׳האָב דערזען וואָס פאַר אַ וויכטיקן אָרט עס פאַרנעמט די אידישע ליטעראַטור אין געוויסע קרייזן פון דער שטודירנדיקער יוגנט. כ׳האָב איינגעזען, אַז די אידישע ליטעראַטור דינט ביי זיי ווי אַ פאַרבינדונג מיט די אידישע מאַסן און ווי אַ מיטל צו פאַרשטיין טיפער דעם גייסט און די נשמה פון זייער פאָלק. אויך די רעליגיעזע שטימונגען, וואָס האָבן באַהערשט די הערצער פון פילע פון דער יוגנט, האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין לייענען די שריפטן פון געוויסע אידישע קלאַסיקער.

פּרץ, שלום־עליכם און רייזען, זענען געווען באַזונדערס באַליבט אין אָט די קרייזן. איבערהויפּט פּרץ. מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע גע־

שיכטן" און „חסידיש" האָט ער זייערע הערצער געוואונען. שעה'ן פון אמתער דערהויבנקייט זענען עס געווען, ווען זיי האָבן געלייענט צוזאַמען אַט די מעשיות. מיט אַ הייליקן ציטער האָט מען די ווערק געלייענט. אַלע זענען געווען פאַרדבק'עט, ממש ווי חסידים בעת זיי הערן זיך צו, אָדער חזרן איבער דעם רבינס תורה, באַנומענע פון מיסטעריעזע געפילן און אין אַ שטימונג פון „אויב ניט נאָך העכער".

ב.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניעסוויזש, האָב איך אין אונד־זער אייגן הויז געפונען אַן אומדערוואַרטעטע פאַרענדערונג, וואָס האָט מיך פאַר עטלעכע טעג צורודערט און געפּלעפט.

דער גרויסער צימער אין אונדזער הויז, וואָס האָט פאַר מער ווי דרייסיק יאָר געדינט פאַר אַ „חדר", וואו דער טאַטע האָט דאָרט גע־לערנט תורה מיט זיינע תלמידים, געלערנט גמרא, תנ"ך, די העברע־אישע שפּראַך און איר ליטעראַטור, איז אַרויסגעדונגען געוואָרן צו אַ פּועלי־ציוניסטישן קרייז. דער חדר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אידישער שול וואו מ'האָט איינגעאָרדנט אומלעגאַלע אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער.

אין יענע טעג האָט זיך פלוצים באַוויזן ביי אונדז אין שטעטל דער חבר אברהם'ל מאַכטיי.

אַ מענטש — אַ לעגענדע איז מאַכטיי געווען זיין גאַנצן לעבן.

אָט דער בן־עיר אונדזערער, אברהם, וואָס איז געבוירן גע־וואָרן און אויפגעהאָדעוועט זיך אויף „קאַזימער", פלעגט פאַרפאַלן ווערן פון ניעסוויזש און מ'האָט אים ניט געזען אין שטעטל חדשים און יאָרן. פלוצים פלעגט ער זיך באַווייזן פאַר אַ שטיקל צייט. ווידער נעלם ווערן און ווידער זיך פלוצים באַווייזן ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל, אַן אומדערוואַרטעטער, אַ סודות'פולער.

אין יענע יאָרן פון קאָנספּיראַציע און געהיימנישן אין רוסלאַנד האָט אַ סודות־שלייער איינגעהילט די אַלע אונטערדישע אַרבעטער. דאָס דאָזיקע סודות׳פולקייט האָט געררייצט און אויפגעפלאַמט די פאַנ־טאַזיע.

ס׳האָט זיך געפילט אין דער לופט, אַז עפּעס קומט פאָר, עטוואָס טוט זיך און גרייט זיך דאָרט, אין די פאַרהוילענע ווייטקייטן. אָפּקלאַנ־גען, שטאַרקערע און שוואַכערע, פון יענע באַהאַלטענע מעשים האָבן זיך דערטראָגן אפילו צו די קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך.

אָ, ווי גרויס איז געווען דאַן דער באַגער צו קענען אַריינקוקן אויף יענער זייט פאָרהאַנג! אָ, ווי ס׳האָט זיך געגלוסט צו קענען אָפּדעקן דעם שלייער פון יענע צוגרייטונגען צום פרייהייטס־קאַמף, אומצואוואַרפן דעם טראָן פון טיראַן, פון דעם צאַר דעם צורר, צו־גרייטונגען, וואָס ווערן ערגעץ געמאַכט פון די העלדן, די גרויסע רעוואָלוציאָנערן!

און ווי אַ געהיימניספולער פאַרשטייער פון יענע „פאַרהוילענע ווייטקייטן" האָט אברהם מאַכטיי אויסגעזען אין די אויגן פון דער ניעסוויזשער יוגנט. מיט אויסדרוקן פון ציטער, באַוואונדערונג און פאַרגעטערונג, האָט מען באַגלייט זיינע טריט, ווען ער האָט זיך פלוצים באַוויזן אין שטעטל אין זיין טונקעלער ברייט־ראַנדיקער, ווייכער שליאַפּע, וואָס האָט ווי פאַרשטעלט זיין שוואַרץ־מאַטעווען געזיכט און זיינע שוואַרצע, אומעטיק־ברענענדיקע אויגן.

וואו האָט ער עס געקענט זיין ביז איצט? אין טיף־רוסלאַנד? אין אויסלאַנד? מעגלעך אין אַ קליין שטעטל אין תחום־המושב? און אפשר איז ער גאָר געווען פאַרשיקט קיין סיביר — און איז פון דאָרטן אַנטלאָפן?

קיינער אין שטעטל האָט ניט געוואוסט פון וואַנען מאַכטיי קומט און וואוהין ער וועט פלוצים אַוועק, ווען ער וועט דערפילן, אַז ער דאַרף אַוועקגיין, אָדער ווען ער וועט באַקומען אַ געהיימען צייכן,

צי אַ באַפעל פון זיינע מיסטעריעזע חברים. דעריבער האָט זיין אומגעריכטער באַוויַזן זיך אין ניעסוויזש שטענדיק געמאַכט אַ גרויסן רושם, איבערהויפּט אין די קרייזן פון די אַרבעטער. מ׳האָט גע־וואוסט, אַז מיט מאַכטיי׳ס קומען וועט עטוואָס געשען אין שטעטל וואָס וועט אויפרודערן די געמיטער פון די אַרבעטער און אַרבעטס־געבער. מ׳האָט געוואוסט, אַז ס׳וועט פּאַסירן עטוואָס, וואָס וועט זיך לאָזן פילן און מערקן פאַר אַ לענגערע צייט, און מ׳וועט וועגן דעם ריידן אויך נאָכדעם ווי דער חבר אַברהם וועט נעלם־ווערן פון שטעטל אַזוי סודות׳פול און אומדערוואַרטעט ווי ער איז אָנגעקומען.

אויסער דעם, וואָס מאַכטיי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איינאָרדנען „סטאַטשקעס״ — (סטרייקס) ווי אַ מיטל אין קאַמף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די עקספּלואַטירטע, האָט ער זיך אין די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעגעבן איבערהויפּט מיט גרינדן אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער.

דער צוועק פון די אָוונט־קורסן איז געווען צו לערנען די פאָלקס־מאַסן עלעמענטאַרע ידיעות אין זייער פאָלקס־שפּראַך, ווי אויך דאָס עצם קענען פון אידיש און דאָס פאַרשפּרייטן אידישע ליטעראַטור צווישן די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

פון די פאַרברענטע און איבערגעבנסטע אידישיסטן איז מאַכטיי געווען. ריידן אידיש — איז ביי אים געווען אַ הויכער און הייליקער אידעאַל. פאַר דעם האָט ער געקעמפט און אָפּגעגעבן זיינע בעסטע כוחות. אין ריידן אידיש איז מאַכטיי געווען אַן אמתער קנאי, און איז אפילו גרייט געווען צו ווערן אויסגעלאַכט צוליב זיין עקסטרעמקייט.

יענעם ווינטער פון 1913—1914, ווען מאַכטיי איז פּלוצים אַראָפּ־געקומען קיין ניעסוויזש, זענען דורך אים געגרינדעט געוואָרן די אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, און אין אונדזער הויז האָבן זיך יעדן אָוונט פאַרזאַמלט ביי אַ דרייסיק חברים צו הערן מאַכטיי׳ס לעקציעס.

ג.

די ערשטע אָוונטן בין איך געווען אינגאַנצן איבערראַשט.

דאָס עצם ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די ווענט פון טאַטנס־הויז, האָט מיך צושרויפט. אין חלל פון שטוב, וואו יאָרן נאָך יאָרן האָבן זיך געלאָזט הערן די הוויות פון אביי ורבא, די הייליקע חזיונות פון די נביאים, פסוקים פון רש״י, די העברעאישע שירים פון אונדזערע נאַציאָנאַלע דיכטער, האָט זיך איצט געטראָגן אַ נייע תורה און ס׳האָבן זיך געלאָזט הערן נייע געזאַנגען.

דאָס אָרט פון תנ״ך האָט איצט פאַרנומען די „אידישע כרעסטאָ־מאַטיע״ פון אַברהם רייזען. די דערציילונגען און די לידער, וואָס דער באַליבטער פאָלקס־דיכטער האָט צוזאַמענגענומען אין דעם דאָזיקן לערן־בוך, האָבן די בחורים און מיידלעך — די געזעלן פון די וואַרשטאַטן און די פּריקאַזטשיקעס פון די קראָמען, געלייענט און געלערנט מיט האַרץ־פלאַטער און נשמה־פרייד.

די איבערראַשונג, וואָס האָט מיך אין אָנהויב באַהערשט, האָט ביסלאַכווייז נאָכגעלאָזט. אנשטאט דעם איז אין מיר געוואַקסן דער אינטערעס צו די לעקציעס, וואָס זענען געגעבן געוואָרן דורך אברהם מאַכטיי, דעם פאַרגעטערטן חבר־לערער.

אין אַ וואונדערבאַר־קלאָרער און אַנגענעמער דיקציע, וואָס העלפט אַזויפיל צו געבן צו פאַרשטיין די מיינונג פון די ווערטער, פלעגט מאַכטיי פאָרטראָגן פאַר זיינע תלמידים די לידער פון רייזען, „אַ געזינד זאַלבאַאַכט״, „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן״ און נאָך אַזעלכע. ער האָט זייער האַרץ דערקוויקט מיט פאָרלעזן פאַר זיי די דערציילונגען פון מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ.

די לידער און די דערציילונגען זענען אַזוי נאָענט געווען צו די הערצער פון די אַרבעטער־תלמידים. פון זייער אייגן לעבן האָבן זיי דערציילט, פון זייער האַרץ און נשמה זענען די ווערטער אויס־געהאַקט געוואָרן.

וועגן דעם ביטערן דלות, וואָס עסט זיך איין אין ביין, וועגן די בייזע ווינטן, וואָס שטורעמען אין דער פינצטערער וועלט, האָבן זיי דערציילט, און דאָס איז געווען אַזוי רעאַל, אַזוי פאַרשטענדלעך.

בשעתן לערנען זענען די פירהאַנגען געווען אַראָפּגעלאָזן און די לאָדן פאַרמאַכט. עס זאָלן ניט קענען אַריינקוקן די „גאַראַדאָוואָיעס", וואָס דרייען זיך אַרום אין די גאַסן. חברים פלעגן אויך שטיין אויף דער וואַך אויסצוהיטן זיך פון אַ בייזער אויג פון אַ שפּיאָן, אָדער אַ מסור. — ווייל „די פינצטערניש פאַרדעקט נאָך די ערד" און די „בייזע ווינטן הוליען נאָך"...

דעריבער האָבן געקלונגען מיט אַזוי פיל געפיל די שטימען פון די אַרבעטער תלמידים זינגענדיק צוזאַמען מיט זייער לערער:

„אָ, וואָס קלינגט איר, קירכען־גלאָקן?
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן
האָבן אייערע ווילדע טענער
אונדזער אָרים וועלט"...

ד.

דער אינגסטער צווישן די אַרבעטער־תלמידים, וואָס זענען יעדן אָוונט געקומען צו די קורסן, וואָס מאַכטי האָט אָנגעפירט, איז געווען כתריאל גרינבלאַט, איטשע דעם מוליערס מיזיניק. פופצן יאָר איז דאַן כתריאל אַלט געווען, און שוין געווען אַ געזעל ביי אַ סטאָליער. ברייט־פּלייציק און פעסט־געבויט איז כתריאל געווען. זיין אונ־טערשטע ליפּ אַביסל אַראָפּגעהאָנגען, און זיין אויבערשטע ליפּ איז שוין געווען באַדעקט מיט אַ שוואַרצן האָר־פּוך.

פון זיין טאַטן האָט כתריאל געירשנט זיין ברייט־ביינערדיקן פעסטן קערפּער, ווי אויך זיין הייזעריקלעכן באַנדורע־קול. פון דער מאַמען האָט ער באַקומען זיינע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן, די שוואַרצע, געקרייזלטע האָר, און דעם ליבן שמייכל וואָס האָט אַראָפּ־

געשיינט פון זיין אויבערשטער ליפּ. זיין עלטערע שוועסטער, די נייטאָרן, וואָס איז געווען אַ וואוילגעלערנטע, האָט אין כתריאלן אַריינגעגעבן דעם באַגער צו לערנען, ניט צו בלייבן קיין גראָב־יונג.

דער „קליינער" כתריאל, איז געווען צוגעבונדן צו מאַכטייען, וועמען ער האָט פאַרגעטערט, מיט אַן איבערגעבנקייט, וואָס האָט גאָר קיין גרעניץ ניט. בעת'ן לערנען האָט ער מאַכטייען ממש אין מויל געקוקט, געטרונקען זיינע ווערטער ווי אַ דורשט־יקער. און דאָס, וואָס ער, כתריאל, איז געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין זעלבן פאַרשטאָט „קאַזימער" וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ לערער און קעמפער ווי דער חבר אברהם, האָט אין זיין האַרצן אַריינגעגאָסן האָפערדיקייט.

כתריאל פלעגט קומען צו די אָוונט־קורסן דער ערשטער, האָט אויסגעלייגט אויפן לאַנגען „חדר־טיש", מיט די צעעפנטע פליגלען, די ביכער און העפטן, אז אַלץ זאָל זיין גרייט צום לערנען. כתריאל איז אויך געבליבן דער לעצטער אין צימער, האָט אויפגעראַמט, ריין געמאַכט און אַוועקגעלייגט יעדע זאַך אויף אַן אָרט.

כדי מזכה זיין אונדזערע ניעסוויזשער אידן, און גלייכצייטיק מאַכן אַ מין מאַניפעסטאַציע פאַר אידיש, איז כתריאל געוואָרן, לויט מאַכטיי'ס עצה, אַ פאַרקויפער פון אידישע צייטונגען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך כתריאל באַוויזן אין די גאַסן פון ניעסוויזש, טראָגנדיק אַ פּאַק אידישע צייטונגען, צווישן צוויי קאַרטאָנענע טאָוולען, פאַרבונדענע מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק. מיט אַ פייערלעכקייט האָט כתריאל אויסגעשריען די נעמען פון די צייטונגען: „פריינד", „היינט", „מאָמענט", און פאַרקויפט זיי אין יום־טוב'דיקער שטימונג.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש ביי אונדז אין שטעטל.

אמת, ס'האָט זיך אויך פריער געפונען אין ניעסוויזש אַן אַגענט פון אידישע צייטונגען, אַ שטיקל משכיל, מיטן נאָמען מאַכאָווער.

אָבער צו מאַכאָווערן פלעגן די איינצלנע אַבאָנענטן קומען און אָפּנעמען זייערע צייטונגען אין דער שטיל. כתריאל האָט אָבער געמאַכט אמתע רעקלאַמע פאַר די צייטונגען אין אידיש.

סוף ווינטער איז מאַכטיי געוואָרן גאַנץ פּלוצים, ווי זיין שטייגער, נעלם געוואָרן פון ניעסוויזש. די אָוונט־קורסן האָבן זיך אויפגעלייזט. אָבער די לערע וואָס דער חבר אברהם האָט עטלעכע חדשים געלערנט מיט זיינע תלמידים, די אידישע אַרבעטער, האָט אַ גרויסן רושם געמאַכט אויף זיי און האָט געיורן און געוואָרעמט אין זייערע נשמות פאַר לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

דער אָפּקלאַנג פון מאַכטיי׳ס באַזוך אין ניעסוויזש יענעם ווינ־טער, האָט זיך נאָך פאַר לאַנגע טעג געטראָגן איבערן שטעטל.

כתריאל, מאַכטיי׳ס אינגסטער, איבערגעבענסטער תלמיד, האָט עס פאַנאַנדערגעטראָגן איבער די גאַסן פון שטאָט פאַרקויפנדיק די אידישע צייטונגען מיט אַ ברען און מיט גרויס אימפּעט.

ער האָט עס געטאָן מיטן באַוואוסטזיין, אַז דורכדעם דערפילט ער זייער אַ וויכטיקע קולטורעלע מיסיע, וואָס זיין פאַרגעטערטער לערער האָט אים אָנגעטרויט.

▼

פון די ערשטע חלוצים

אין זיין קינדהייט האָט משה׳ל צו זיך צוגעצויגן יעדן איינעמ׳ס בליק מיט זיין שיינעם אויסזען: אַ קליין מלאכ׳ל מיט גרויסע גרוי־בלויע אויגן, באַזוימטע מיט לאַנגע טונקל־שוואַרצע וויהעס אונטער אַ דעכל פון געדיכטע, שוואַרצע ברעמען. לאַנגע, פעך־שוואַרצע קרויזן האָבן פון זיין קעפּל אַראָפּגעכוואַליעט אויף זיינע אַקסלען. זיין זילבערן קול׳כעל איז געווען זיס. זיין ריידן — מלא חן.

אין עלטער פון אַכט־ניין יאָר פלעגט משהל׳ס שיינער מאַטעוער פּנים גאַנץ־אָפט זיין פאַרוואָלקנט פון אומעט. כאָטש ער האָט קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט, האָט מען געקענט משער זיין, אַז דאָס האָדעווען זיך און אויסוואַקסן אָן אַ מאַמען, באַטריבט זיין געמיט. ער האָט אָבער אין יענע אינגל־יאָרן געהאַט אין זיך אויך אַ סך שטיפערישקייט. ער האָט וואונדערלעך נאָכגעמאַכט דאָס גאַנגעלע פון טשאַרלי טשאַפּלין, וואָס האָט זיך צו דער יונגוואַרג פון ניעסוויזש אַנטפּלעקט אַזוי קאָמיש־טרויעריק, חנ׳עוודיק און האַרציק אויפן עקראַן פון אילוזיאָן, וואָס דער אַפּטייקער שמעון־אורי גאָלדבערג האָט אויסגעבויט אויף זיין הויף. משה׳ל האָט שוין דעמאָלסט מיט אַ באַזונדער חן געזונגען אונדזערע ערשטע העברעאישע לידער.

משה׳ל איז אונטערגעוואַקסן. שוין געווען אַ תלמיד אין מיין טאַטנס חדר. ער איז געוואָרן ערנסט. אַלץ מער אין זיך איינגעשלאָסן. זיין קוק האָט אויסגעדריקט שטאַרקייט פון גייסט, פעסטקייט אין כאַראַקטער.

אין די הערצער פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט פון ניעסוויזש, — די מערסטע פון זיי דעם טאַטנס תלמידים, וואָס האָבן גוט געקענט דעם תנ״ך און ליב געהאַט העברעאיש, — האָט שוין געגליט

אַ בענקשאַפט צו ציון. ווען משה׳ל פלעגט ריידן וועגן ארץ־ישראל האָט זיך אַ פייערל אָנגעצונדן אין זיינע גרויסע בלויע אויגן. ער האָט אין זיין התלהבות אויסגעזען ווי אַן אמת׳ער מזרח־קינד. אין העברעאיש פלעג איך אים אָפט רופן: „יליד הקדם״.

* * *

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך דורכגעמאַכט און דורכגעליטן אין פינסק. כמעט פיר יאָר האָב איך משה׳לען ניט געזען. ער איז אָבער זייער־אָפט מיר אויפן זכרון געקומען און כ׳פלעג טראַכטן וועגן אָט דעם יונגען חבר מיינעם.

ווע כ׳בין אַהיים געקומע קיין ניעסוויזש האָב איך משה׳לען געפונען שוין אַן אויסגעוואַקסן בחור, אַ שילער פון די העכערע קלאַסן פון גימנאַזיע. זיין מאַטעווער געזיכט איז נאָך טונקעלער געוואָרן. זיינע באַקן באַדעקט מיט די שפּראָצן פון אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד. דאָס האָט אים צוגעגעבן חן. זיין גאַנצער וועזן האָט אויסגעדריקט פעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט. זיינע געדאַנקען זיינען געווען צייטיק מיט דער שטרעבונג צו אַ גאַנצן און פולן נאַציאָנאַלן לעבן. ווען משה׳ל פלעגט ריידן וועגן דעם געזונטן אידישן לעבן, וואָס ווערט געשאַפן אין ארץ־ישראל, האָבן זיינע אויגן אַרויסגעשטראַלט פון הינטער די שוואַרצע, דיקע ברעמען. ער האָט געשפּונען און געוועבט ביי זיך אין האַרצן זיין חלום און אויסגעדריקט עס אויף זיין שיינעם, אייגנאַרטיקן אופן. די לידער „התקוה״ פון ח. נ. ביאַליק און „אני מאמין״ פון שאול טשערניכאָווסקי האָט מען תמיד געהערט משה׳לען זינגען אָדער אונטערברומען.

די נאַציאָנאַלע יוגנט, די „צעירי ציון״ פון ניעסוויזש, האָבן זיך אין יענע יאָרן (די גרויסע אויפשטייג־יאָרן פון ציוניסטישן געדאַנק נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע) געגרופּירט אַרום דער העברעאי־

שער שול אויפן נאָמען פון ד״ר טשלענאָוו. אָנגעפירט מיט דער שול האָט דער אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג, דער מנהל און לערער מעלניק.

אין דער לייטונג פון שול האָבן זיך געפונען די אצילות׳דיקע אידן, די טרייע העברעער און איבערגעגעבענע ציונים, ד״ר בנימין אייזנבוד און ר׳ יואל ראָזאָווסקי, ז״ל, און אים צו לאַנגע יאָר, ר׳ ברוך שמושקאָוויץ (איצט אין תל־אביב). פון די יונגע ציונים זיינען געווען די טיכטיקסטע טוער אין דער פאַרוואַלטונג פון שול, בנימין יעוועלעווסקי (איצט ב. יואלי, פון יאָר 1934 אין ירושלים) און משה׳ל. זייער אָפט, ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין דער העברעאישער ביב־ליאָטעק ביי דער ד״ר טשלענאָוו שול (וואו כ׳בין געווען אַ לערער אַ פּאָר יאָר), האָב איך געפונען משה׳לען, ניאָמען און דעם שטילן, פאַר׳חלומ׳טן ליפע ברעוודע, (דער משורר לוי בן אמתי, פון דגניה ב׳) פאַרטאָן אין אַ הייסן שמועס אַרום טעאָרעטישע ענינים פון חלוצישן לעבן אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע יוגנט איז אין 1920 געווען באַאיינפלוסט פון דער אידעאַלער פּערזענליכקייט פון דעם גרינדער פון „החלוץ״, יוסף טרומפעלדאָר, דער גבור פון תל־חי, וואָס האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם אין קאַמף מיט די ווערטער: „טוב למות בעד ארצנו״ (ס׳איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד). ווען משה׳ל פלעגט ריידן וועגן טרומפעלדאָרן זיינען זיינע גרוי־בלויע אויגן ווי גרעסער גע־וואָרן, און דער פייער האָט זיך אין זיי צעצונדן. אַנטשלאָסן פלעגט ער ענדיקן: „ווען כ׳וועל קומען אין ארץ־ישראל וועל איך זיין צווישן די חלוצים־קעמפער״!

* * *

דאָס לעצטע מאָל האָב איך משה׳לען געזען ביים אָפּשייד־נעמען פון דער ערשטער גרופּע חלוצים, וואָס זיינען פון ניעסוויזש אויפ־געגאַנגען צום לאַנד פון זייער שטרעבן און חלומות. דער אָפּשייד־

צוזאַמענקונפט איז פאָרגעקומען אין הויף פון דער ד״ר טשלענאָוו שול, אויף „פּארנע״ גאַס. משה׳ל, פון די ערשטע חלוצים, איז געשטאַנען אין צענטר פון דער גרופּע, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען אויך דער לערער שיפּריס. (פון די בויער פון דגניה). אין זיין האַנט האָט משה׳ל פעסט און שטאָלץ געהאַלטן די בלוי־ווייסע פאָן, אויף וועלכער ס׳זיינען געווען אויפגעשריבן די ווערטער: „לצעירי הארץ — ברכה מצעירי הגולה!״ (צו דער יוגנט פון ארץ־ישראל — אַ וואַרעמער גערוס פון דער יוגנט פון גלות).

עס הערן זיך געזעגנס־רעדעס, ברכות און גוטע וואונטשן צו די חלוצים, — די ערשטע שליחים, וואָס די נאַציאָנאַלע יוגנט פון ניעסוויזש שיקט קיין ארץ ישראל.

איינער פון די חלוצים ענטפערט אויף די ברכות. זיין קול ציטערט. ער רעדט וועגן די קרבנות, וואָס דאָס לאַנד וועט פאָדערן. ער זאָגט צו, אַז קיין זאַך וועט זיי, די עולים, ניט אָפּשטעלן, אַז זיי זיינען גרייט צו מקריב זיין זייער בלוט אויפן מזבח פון לאַנד און פאָלק. זיין קול ציטערט פון אינערלעכער אויפרעגונג. משה׳ל וואַרפט אין זיין זייט אַ שטאָלצן בליק, וואָס זאָגט: נישט ציטערן!

ער, משה׳ל, רעדט דער לעצטער. זיין קול אָנגעגאָסן מיט שטאָל. זיינע ווערטער קלינגען קרעפטיק:

„אנו עולים! מיר גייען אויף צום לאַנד! די זון איז דאָרטן אויפגעגאַנגען און זי רופט אונדז. און ווי קען מען ניט גיין?! . . . און גייענדיק אהין, וועלן מיר מיט אונדז מיטנעמען דעם ווייטיק, דאָס שפּאָט און שאַנד, וואָס אונדזער פאָלק האָט זיך מיט זיי אָנגעזעטיקט איבער־געגנוג אין ביטערן גלות. דאָס וועט אונדז געבן נאָך מער כוח צו אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק און פאַר דאָס אויסלייזן פון אונדזער לאַנד. און אויב מ׳דאַרף ברענגען קרבנות אויפן מזבח פון דער גאולה — וועלן מיר ברענגען! מיר, די חלוצים, וועלן ווויסן פאַר וואָס מיר שטאַרבן. ס׳וועלן אונדז

מקנא זיין די וואָס בלייבן אין גלות, וואָס זייער לעבן, אַזוי ווי זייער טויט, איז אָן טעם, ווייל זיי ווייסן ניט פאַר וואָס און פאַר ווען...

אנו נכונים! אנו עולים!״

(מיר זיינען גרייט! מיר גייען אויף!)

* * *

כ׳האָב דאָ פאַרצייכנט די הקדמה צו דער פרשה בראשית פון איינעם פון די ערשטע חלוצים פון אונדזער ליבער, חרובער היים־שטאָט, ניעסוויזש. די עיקר פרשיות, די קאַפּיטלעך פון זיינע מעשים און די מעשים פון זיינע חברים, שרייבן זיי, די טרייע חלוצים אונדזערע, שוין באַלד דרייסיק יאָר, און קריצן זיי איין מיט שוויס און בלוט אינם באָדן פון ארץ־ישראל, אין די קיבוצים און מושבים פון גליל און עמק הירדן.

עטלעכע בלעטער פון מיין טאַטנס לעבן

(געהערט פון טאַטן און זיינע תלמידים)

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין פאָטער און רבי
גרשון־זאב הכהן דמשק

א.

אין די געצעלטן פון תורה

מיין טאַטע איז אַלט געווען זיבן יאָר און האָט דעמאָלסט גע־לערנט אין חדר פון זיין עלטערן שוועסטער־קינד, שמעון „בעל תנ״ך״, ווען ס׳איז אָנגעקומען אין ניעסוויזש די טרויעריקע ידיעה, אַז דער זיידע ר׳ אברהם־נפתלי, וואָס איז געווען אַ באַוואוסטער מלמד אין פינסק, איז דאָרטן נפטר געוואָרן.

דער טאַטע, דער בכור פון די צוויי פאַרבליבענע זין, יתומים, האָט אַזוי געמוזט שוין אין זיין קינדהייט זיך אַליין פאַרזאָרגן און אַליין געפינען זיין וועג אין לעבן. ער האָט אויסגעקליבן דעם שווערן וועג פון לערנען תורה.

עטלעכע יאָר האָט ער געלערנט אין דער ניעסוויזשער ישיבה קטנה פון ר׳ בנימין פאלק׳ס, וואָס איז אין זיין יוגנט געווען אַ תלמיד ותיק פון דער מירער ישיבה.

ווען ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט דער טאַטע גע־פועלט ביי דער באָבען זי זאָל אים אָוועקשיקן לערנען אין דער מירער ישיבה. זיין מוטער האָט דאַן באַשטעלט אַ אידן, אַ טעפּער, וואָס פלעגט ברענגען פון דער מיר טעפּ קיין ניעסוויזש, ער זאָל איר בכור מיטנעמען, ווען ער וועט צוריק פאָרן אַהיים. פאַר דעם האָט זי דעם טעפּער באַלוינט מיט גאַנצע פינף קאָפּיקעס.

דעם טאַטנס אויסגעצייכנטע פעאיקייטן, זיין הבנה אין לערנען, און דער זכות פון זיין רבין, ר׳ בנימין פאַלק׳ס, זיינען אים ביי־געשטאַנען ביים אַריינגיין אין דער מירער ישיבה. דער וועלט־באַ־רימטער ראש־ישיבה, ר׳ חיים־לייב, האָט דעם ניעסוויזשער אינגל אַריינגענומען אַלס תלמיד אין דער מירער ישיבה נאָך פאַר בר־מצוה.

שוין אין יענע יונגע יאָרן האָט דער טאַטע אַרויסגעוויזן זיינע כשרונות אַלס לערער.

כדי דער צוועלף־יאָריקער אָרימער ישיבה־אינגל זאָל קענען פאַרדינען אַביסל אויף זיינע הצטרכותן, האָט ר׳ חיים־לייב אים געגעבן אַ תלמיד, אַ בחורל פון אַ פאַרמעגלעכער משפחה, וואָס איז געווען עלטער פון אים מיט עטלעכע יאָר. דער יונגער רבי האָט געדאַרפט מיט זיין תלמיד יעדן טאָג איבערלערנען דעם שיעור, וואָס מ׳האָט געלערנט אין ישיבה. גאַנץ־אָפט, ווען דער טאַטע האָט געלערנט מיט זיין תלמיד, פלעגט ר׳ חיים־לייב צוקומען, בלייבן שטיין פאַר אַ ווײַלע און זיך צוהערן ווי דער קליינער רבי איז מסביר דעם שיעור צו זיין תלמיד.

איינמאָל, נאָך אַזאַ מין איינהערן זיך, האָט ר׳ חיים־לייב זיך אויסגעדריקט פאַרן משגיח פון ישיבה: „כ׳בין זיכער, אַז גרשון־וועלוול, דער ניעסוויזשער, וועט זיין אַ גוטער מלמד און אַ מרביץ תורה ברבים״.

אָט די ווערטער פון ראש־ישיבה האָבן געשטאַרקט דעם טאַטנס גייסט און אים צוגעגעבן מוט און חשק צו לערנען מיט גרויס התמדה.

ביי אַ פינף יאָר האָט דער טאַטע געלערנט אין דער מירער ישיבה. פון דאָרטן איז ער אַוועק אין דעם שטעטל רעבזעוויץ, וואו ער האָט נאָך אייניקע יאָר געלערנט מיט התמדה. אויך אין רעבזעוויץ האָט ער געהאַט א תלמיד, דעם רב׳ס זון, וואָס איז אויך געווען זיין נאָענטסטער חבר.

אין דער זעלבער צייט האָט דער טאַטע זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פאַרפאָלקאָמען זיינע ידיעות אין לשון־קודש, אין איר גראַ־מאַטיק, און אין איר אַלטער און נייער ליטעראַטור, ווי אויך אין תולדות ישראל. ער איז געוואָרן אַ בקי אין תנ״ך און זיינע מפרשים. ער האָט דערגרייכט אַן אמת טיפע הבנה אין די כתבי־הקודש און אַ זעלטן איידעלן געהער פאַר די חזיונות פון די נביאים.

ב.

דעם טאַטנס ערשטער „חדר"

נאָך זיין חתונה, — אין דער עלטער פון איין־און־צוואנציק יאָר, האָט דער טאַטע געעפנט אין זיין היים־שטאָט, ניעסוויזש, אַ שפייז־קראָם. ער האָט ניט געוואָלט מאַכן די תורה, וואָס ער האָט געקענט, פאַר אַ „קרדום לחפור בה" (אַלס אַ מיטל פאַר פרנסה).

ס'איז אָבער באַשערט געווען, אַז די נבואה פון ר' חיים־לייבן זאָל מקוים ווערן.

עטלעכע אָנגעזעענע בעלי־בתים פון ניעסוויזש האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף דעם יונגן־מאַן, ר' גרשון־וועלוול, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס אַ מושלם. זיי האָבן ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט זיין דער פאַסיקער רבי פאַר זייערע זין.

אָט די בעלי־בתים האָבן עס פאַר אים געשאַפן דעם ערשטן „חדר", אין וועלכן ס'האָבן געלערנט בלויז זעקס תלמידים.

דער יונגער מלמד איז ניט געגאַנגען אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון די אַנדערע מלמדים אין ניעסוויזש. ער האָט זיך פאַר־נומען אויף אַן אייגענעם דרך ביים לערנען מיט זיינע תלמידים.

אין יענע צייטן זיינען געווען אין ניעסוויזש אייניקע גמרא־מלמדים. זיי האָבן געלערנט מיט זייערע תלמידים בלויז גמרא. פרייטיק פלעגן די תלמידים פון זייערע „חדרים" אויך מעביר־סדרה זיין. עס זיינען געווען מלמדים, וואָס האָבן געלערנט בעיקר תנ"ך מיט זייערע תלמידים. עס האָט זיך געפונען אין באַוואוסטער מלמד, ר' נחמיה ליבערמאַן, וואָס האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים אויך דקדוק. די מערסטע תנ"ך־מלמדים האָבן אָבער יוצא געווען בלויז מיט טייטשן די ווערטער. ס'האָט געפעלט אַ רוח־חיים אין זייער תנ"ך לערנען.

דער טאַטע האָט אין זיין חדר באַלד פון אָנפאַנג איינגעפירט אַ סדר און אַ שיטה אין לערנען. ער האָט אַריינגענומען אין פראַג־

ראַם אַלע וויכטיקע לימודים: גמרא, תנ״ך — תורה מיטן פירוש פון רש״י און פון אַנדערע מפרשים, נביאים און כתובים, העברעאיש און דקדוק. שפּעטער האָט ער איינגעשלאָסן אויך דעם למוד פון תולדות־ישראל (אידישע געשיכטע).

דער טאַטע האָט געשטעלט דעם טראָפּ ניט בלויז אויפן כמות, נאָר אויך אויפן איכות.

דורך אַלערליי פּעדאַגאָגישע מיטלען האָט ער דעם שווערן למוד פון גמרא גרינגער געמאַכט פאַר זיינע תלמידים. זיין גרויסער כוח פון הסברה איז אים אויך פיל בייגעשטאַנען. דורך פאַרשיידענע פראַגן און אויפגאַבן האָט ער די תלמידים באַוועגט דורכצוטראַכטן די סוגיות פון גמרא און דערמיט זיי געהאָלפן צו מאַכן קלאָר די האַרבע ענינים.

ביים לערנען תנ״ך איז דעם טאַטן בייגעשטאַנען אויסער זיין בקיאות אין די פירושים פון די אָנגענומענע אַלטע און נייע גרויסע מפרשים, אויך זיין אייגענער טיפער פאַרשטאַנד, זיין שכל הישר, זיין קענטשאַפט אין לשון־קודש, זיין חוש פאַר דער שפּראַך ווי אויך פאַרן אינהאַלט און פאַרבינדונג פון די פסוקים.

אַלס רבי האָט ער געזען, אַז די תלמידים זאָלן דערפילן דעם הייליקן ציטער אין די רייד פון די נביאים. ער האָט אויפגעדעקט פאַר זיי די פּאָעטישע שיינקייט פון די געטלעכע חזיונות, ווי פון די טיף־רירנדע השתפכות־הנפש קאַפּיטלעך אין תהלים. זיי האָבן דערפילט דעם תהום׳דיקן ווייטיק אין די אָנגעגליטע רייד פון דעם גרויסן צדק־מאָנער איוב. די תלמידים זיינען דורך זיין לערנען באַאיינדרוקט געוואָרן פון די טיפזיניקע אמרי חכמה (קלוגע ווער־טער) פון משלי שלמה, און געוואוסט ווי צו אָנווענדן די משלים אויף פאַרשיידענע פאַלן און געשעענישן אין לעבן.

דער תנ״ך איז אין טאַטנס חדר איינגעזאַפּט געוואָרן אין די

יונגע הערצער פון די תלמידים און פאַרבליבן אויף שטענדיק אין זייער זכרון.

ווען דער טאַטע האָט געעפנט זיין חדר, זיינען נאָך ניט געווען קיין פּאַסיקע לערן ביכער אויף צו לערנען מיט די קינדער העברע־איש. האָט ער אליין פאַרפאַסט דערציילונגען און אַלערליי מאַמרים צו לערנען לשון־קודש זיינע תלמידים.

ג.

אַריינגענומען אין „צער"

דעם טאַטנס ערשטער „חדר", וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס תלמידים, איז גאַר גיך באַוואוסט געוואָרן אין שטאָט. שוין אין די ערשטע פּאָר חדשים האָבן די תלמידים געוויזן אַ גרויסע פּעולה אין לערנען. די בעלי־בתים, די עלטערן פון די תלמידים, זיינען געווען צופרידן פון דעם נייעם רבין און פון זיין דרך אין לערנען.

נאָר די מלמדים פון ניעסוויזש האָט שטאַרק פאַרדראָסן אויף די נייסן וואָס דער יונגער מלמד האָט איינגעפירט אין זיין חדר, און זיי האָבן מרעיש־עולם געווען. איבערהויפּט האָבן זיך געקאָכט די גמרא־מלמדים:

— ס'קען ניט זיין און ס'וועט ניט זיין! מיר וועלן פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזן, אַז אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס איז מבטל די צייט אויף מיני לערעכצען, וואָס אונדזערע אבות־אבותינו האָבן פון זיי ניט געהערט, זאָל שטיין מיט אונדז אויף איין ברעטל און לערנען גמרא.

„אויב ער לערנט תנ"ך — האָבן גע'טענה'ט די קריגערס צווישן די גמרא־מלמדים — זאָל ער זיך לערנען וויפיל ער וויל!

און „דעקדעק" און אַנדערע שאַלאַמייזן — אויב מ'קען עס גאָר אָנרופן למודים — זאָל ער זיך לערנען וויפל זיין האַרץ געלוסט! אָבער גמרא ווילן מיר אים ניט לאָזן לערנען. זאָל ער פריער זיך שטעלן צום פאַרהער און ווייזן צו ער איז ראוי פאַר דעם".

דער טאַטע, וואָס האָט ביי זיך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער איז ווערט צו זיין אַ גמרא־מלמד ניט ערגער פון די אַנדערע, האָט ניט געוואָלט, אַז די קריגעריי זאָל אָנהאַלטן. האָט ער דעריבער מסכים געווען צו שטעלן זיך פאַר אַ פאַרהער.

דורך זיינע בעלי־בתים האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט די גמרא־מלמדים, און ס'איז געבליבן אַז אין אַ געוויסן שבת זאָלן זיך אַלע צוזאַמענקומען ביי ר' לייב העלער, — וואָס מ'האָט אויך גע־רופן לייבע קוקאָוויצער — פאַרן פאַרהער.

ר' לייב העלער, אַ בעל־הבית פון אַ מויער אויפן מאַרק, וואָס האָט זיך גערעכנט צווישן די פאַרמעגלעכע בעלי־בתים — איז געווען אַ איד אַ תמים. זיין בן יחיד, בערל, אַ אינגל אַ בעל־כשרונות, איז ביי אים געווען „די אויג אין קאָפּ". אָט דער בערל איז עס געווען פון די ערשטע תלמידים אין טאַטנס חדר.

צו דער באַשטימטער שעה האָבן זיך אַלע גמרא־מלמדים צו־זאַמענגעקומען. ווי ס'איז געווען פון פריער אָפּגערעדט, האָט מען קודם־כל פאַרהערט בערלען אין דעם פרק גמרא, וואָס ער האָט געלערנט אין דעם נייעם חדר. די מלמדים האָבן אים געהייסן זאָגן אין דער גמרא אין פאַרשיידענע שווערע סוגיות. זיי האָבן אים דערנאָך געפרעגט אַלערליי קשיות. בערל האָט אויסגעצייכנט געזאָגט די גמרא און טרעפלעך געענטפערט אויף אַלע קשיות און איינגעזעצט אַלע האַרבקייטן.

דער טאַטע, דער נייער מלמד, האָט נאָכדעם מסביר געווען פאַר זיין תלמיד אַ געוויסע סוגיא אין דער גמרא.

„די קריגערס" צווישן די גמרא־מלמדים האָבן זיך אויפגעהויבן נאָך אין מיטן פאַרהער. אין אַ בייזן געמורמל אַ זאָג געטאָן „אַ גוטן שבת" און זיינען אַוועקגעגאַנגען.

די געלאַסענע, די אויפריכטיקערע, זיינען געבליבן זיצן און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט:

און אַט האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די אָנגעזעענע פון דער חבורה גמרא־מלמדים, דער אַלטער ר' משה, זיך געווענדעט צום בעל־הבית און אַ זאָג געטאָן:

— ר' לייב! איר דאַרפט שטעלן משקה! יפה בחרת! איר האָט געפונען אַ גוטן גמרא־מלמד פאַר אייער בן־יחיד. און מיר ווינטשן אונדזער נייעם חבר, ר' גרשון־וועלוולען, הצלחה אין זיין לערנען מיט די תלמידים.

און אַזוי איז דער טאַטע, דער נייער מלמד, אַריינגענומען גע־וואָרן אין „צעך" פון די גמרא־מלמדים.

איך דריק אויס מיין טיפע דאַנקבאַרקייט צו מיין ליבן חבר און גוטן פריינט, דעם האַרציקן דיכטער, ר׳ אליעזר שינדלער, און צו מיין ליבן, טרייען שוואָגער, ד״ר אליעזר פאָגעלמאַן, פאַר דערמוטיקן מיך אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט, און פאַר אָפּגעבן אַ סך צייט אויף דורכצולייענען דעם מאַנוסקריפּט פון דעם בוך „אין יענע יאָרן״.

אַדאַנק זייערע טרעפלעכע באַמערקונגען, גוטע עצות און נוצלעכע אָנווייזונגען האָב איך געמאַכט אויסבעסערונגען אין די פאַרצייכענונגען.

* * *

איך דאַנק פון טיפן האַרצן מיינע טרייע שוועסטער און ברידער, מיינע איבערגעגעבענע תלמידים און גוטע פריינט, די אַלע, וואָס זיינען מיר בייגעשטאַנען אין מיינע שווערע יאָרן און געהאָלפן אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן מיינע שריפטן.

זאָלן דאָ באַזונדערס דערמאָנט ווערן אַלס די איניציאַטאָרן פון אַרויסגעבן צוזאַמען מיטן „בצרון״ מיינע העבּרעאישע ביכער „בגורלי״ און „הדים״, ווי אויך פון אַרויסגעבן צוזאַמען מיט מיינע פריינט דעם בוך „אין יענע יאָרן״, און אַלס די הויפּט־פאַרשפּריי־טער פון די ביכער, די מיטגלידער פון ועד פון מיינע טרייע תלמידות און תלמידים און די אַקטיוויסטע חברים: גדליה עפשטיין, אברהם און אסתר ארפא, גרשון מערינבאַך, דבורה אַסאָפּסקי, מלכה גאָלדפעלד, שרה גאָלדבלאַט, אריה הווירשקוביץ, בתיה זאַ־בלודאָווסקי, חיה וויינשטיין, צפורה כהן, שמואל לובין, רבקה מאַרקוס, מרים מינאָר, אסתר נאָבל, ברוריה סאָקאָל, עליזה סקינדער, עתליה קליין און צפורה שניידער.

איך דריק אויס מיין טיפע דאַנקבאַרקייט צו מיינע טרייע פריינט, די איידעלע און גוטע מענטשן, ר׳ שמחה נעצקי און זיין פרוי חנה, וואָס האָבן ברייטהאַרציק בייגעטראָגן און מיטגעהאָלפן אין אַרויסגעבן מיין העבּרעאישן בוך „הדים״ און דעם בוך „אין יענע יאָרן״; און צו מיינע טרייע פריינט, ר׳ צבי־ברוך וויכטער און זיין פרוי פייגע, פאַר זייער טיפן אינטערעס און מיטהילף אין אַרויסגעבן דעם בוך.

א הארציקן יישר־כוח צו מיינע ידידים נאמנים פון לייקוואוד: ר׳ בצלאל גאָלדשטיין, ישראל גאָטליב, שלמה וויינריב, אליהו און שרה מאָסס, אביגדור און חנה טאָפּילאָפּסקי, יעקב כהני, משה קאַפּלאַן, משה און לאה ראָזענשטיין;

און צו מיינע איבערגעגעבענע חברים־לערער און טרייע ידידים פון ניו־יאָרק און אנדערע שטעט: מנחם און רחל אדלשטיין, שלמה און בתיה אָקסלראָד, נתן בלאַנק, דוד באַראַן, זרח בריק, גדליה גאָיער, בן־ציון און העלען דזשייקאָב, שלמה זאַריצקי, הרב ברוך טשאַרני, בועז און רבקה ליכטמאַן, בנימין לימאַן, משה פּאָדאָלסקי, שמואל און לאה פישמאַן, מ׳ דבורה קורץ, ליפּע קאָוועגסקי, מרדכי קאַפּלאַן, זכריה־משולם קערשטיין, שלמה רוזין, ד״ר משה שלאַנסקי, דעם ועד פון דער „הסתדרות עברית מרכזית״ פון לאָס־אַנדזשעלעס און דעם ועד פון „הסתדרות עברית״ אין שיקאַגאָ — וואָס האָבן פיל געהאָלפן אין אַרויסגעבן און פאַר־שפּרייטן מיינע ביכער.

א הארציקן דאנק די ברידער שולזינגער, מיכל יהושע און שמואל, פאַר זייער איבערגעגעבענקייט און טריישאַפט אַרויסצובריינ־גען מיינע ספרים אַזוי שיין און צו די מינימאַלסטע פּרייזען.

אחרונים, אחרונים דאנק איך מיינע גוטע פריינט, די שרייי־בער: פּרופ. י. אובסי, חיים גוטמאַן, ד״ר ראובן וואַלענראָד, מנשה וואקסער, ד״ר משה טשערנאָוויץ, א. ר. מלאכי, ד״ר באָרים קאדער, רבי י. י. קיוב, שאול ראַסקין, יצחק ריבקינד און מנחם שטערן; און מיינע ליבע און טייערע בני־עיר: וועלוול בעלמאָנט, ד״ר ניסן טורוב, הרב א. מאַרגאָלין, מרדכי מאָשעוויצקי, זעליג און מיכליע קונאָווסקי און ד״ר מרדכי־זאב רייזין אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן; און בנימין יואלי, משה לאַכאָוויצקי און ברוך שמושקאָוויץ אין ישראל, — פאַר זייער איבערגעגעבנקייט און פאַר דערמוטיקן מיך אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט.

זאָלן זיי אַלע זיין געבענטשט!

* * *

איך פיל פאַר א הייליקן חוב צו דערמאָנען דאָ מיט טיפער דאַנקבאַרקייט דעם גרויסן אידן מיט דער וואַרימער האַרץ, ר׳ ישראל מ״ץ, ז״ל, דער מיסד פון „קרן מ״ץ״, וואָס האָט מיך פיל אונטערשטיצט אין מיינע שווערע יאָרן.

יהי זכרו ברוך לעד!